Hebr. Ej 210
Qremer

ח. י. קרעמער.

# אַ יִדִישֶׁע טְרַאגֶעדִיֶע.

## אַ דראַמֶע אִין פִינף אַקטֶען.

פּרײַז 30 קאָפּ׳.

דרוק פון „האור״, װאַרשֶׁע, דלוגא 11.

1907.

Hebr. Ej 278
Kramer

# אַ יִידִישֶׁע טְרַאגֶעדִיֶע.

א דראמע אין פינף אקטען

פערפאסט

פון

ה. י. קרעמער.

דרוק פון „האור", ווארשע, דלוגא 11,

1907.

# ЕВРЕЙСКАЯ ТРАГЕДІЯ.

Драма въ 5 актахъ.

Соч. **Я. Кремеръ.**

Типографія М. О. Кринскаго, Варшава, Долгая 11.

1907 г.

## פּערזאָנען:

הערשול רקח — אַ פּאָדראַטשיק, דערנאָך אַ גוט־בעזיצער אין אַ בּ־ר אַ מ אָ וו נ אַ, ניט ווייט פון אַמן־סיא.

רוחמה — זיין פרוי.

דויד — זייער זוהן.

הדסה — זייער טאָכטער.

שולמית — הדסה'ס אַ פריינדין.

רבי שמואל — הערשול רקח'ס אַ רבּי, דערנאָך אַ רב אין בית־לחם

זרח — הערשול רקח'ס אַ פּלעמיאַניק.

שמערל — אַ מאַכער ביי זרח'ן, כּלומר'שט אַ גוטער פריינד פון דויד און הדסה.

אליה מאיר — איינהאַבער פון אַ עפּענטליכעס הויז אין בּ אֶ ר־ש ב ע.

טעמעריל — זיין פרוי.

נומער 3, נומער 4, נומער 5, נומער 6 און נומער 8 פריילינס פון דעם עפענטליכען הויז

שמואל ברוידא — אַ רייכער סוחר אין בּ אֶ ר־ש ב ע.

יוכבד — זיין פרוי.

שושנה — זייער טאָכטער.

יצחק רהיין

נחמן בולקאס

שלמה יאלאג

ד"ר חאַזאַנאָוו

יהודה חזן

מענדעל גלושיסקין

פּעפּי }<br>אַנאַ } קראַנקען־ווערטערינס

אַ יידינע אין אַ האָרבאַנד, צוויי בעלי־בתים, רבּי'צין, משרתים חברה־קדישא־לייט.

טעאַטער=דירעקטאָרען און איבערזעצער

קאָנען זיך ווענדען צום מחבר לויט דיזער אַדרעסע

Я. Кремеру, Лодзь, собственный домъ.


# ערשטער אַקט.

אַ גרויסעס צימער. אַלע ווענט זענען בעדעקט מיט ספרים פון אויבען ביז אונטען. אין מיטען אַ גרויסער טיש, ארום וועלכען עס שטעהען עטליכע שטוהלען. אויף אַ פאַטער-שטוהל זיצט דער רב, רבי שמואל, אַ הויכער, מיט אַ גראָער באָרד און אַ שענעם, לויכטענדען געזיכט. ביי דער צווייטער זייט טיש שטעהט מיט גרויס דרך-ארץ אַ יידינע אין אַ האָר-באַנד. אין אַ זייט שטעהען צוויי בעלי-בתים. — די סצענע קומט-פאָר אין בית-לחם, אַ גרויסע יידישע שטאָדט. די צייט — תרמ״ד (1884).

דער רב. (צו דער יידינע). בכן, האָט מען אַריינגעשטעקט אַ מילכיגע לעפעל אין אַ פליישיגען טאָפּ בשעת׳ן קאָכען. די לעפעל האָט מען דעם זעלבען טאָג געניצט. קענט איהר מיר ניט זאָגען, ווי גרויס איז דער טאָפּ, און וויפיעל פלייש און געקעכץ איז אין איהם געוועען?

די יידינע. ווי גרויס דער טאָפּ איז? — זיין מאָס ווייס איך ניט. עס איז אַ טאָפּ נומער זעכס. און וויפיעל פלייש איז אין איהם געוועען, פרעגט איהר — פלייש? ניט זינדיגען זאָל איך מיט די רעד, פלייש פערקויפען דען די רוצחים די קצבים? פאַר אַ פונטעלע ביינער בעצאָהלט מען זיי פערציג בלוטיגע גראָשען. אָבער, ניט דאָס בין איך אויסען. וויפיעל פלייש, פרעגט דער רבי? ריכטיג, אויפ׳ן האָר, קען איך ניט זאָגען, נאָר איך קען גלאַט אַזוי משער זיין. (רעדענדיג צו זיך). לאָמיר אַקאָרשט בערעכענען. דריי פונט פלייש קויף איך אויף די גאַנצע וואָך, דאָס הייסט אויף דערוואָכען, וואָרום אויף שבת, קויף איך בעזונדער אַ פונט פלייש מיט אַ האַלבע באַק. די וואָכען=טעג זענען דאָך זעכס, האַ? יאָ, זעכס, געהט אַראָב זונטאָג, ווייל זונטאָג קאָך איך קיין מיטאָג ניט, ווייל עס איז אונז גענוג די שיריים פון שבת, בלייבט פינף טעג. אַ חוץ דעם געהט ווידער אַראָב פרייטאָג, ווען מען קאָכט ניט קיין מיטאָג, כדי מ׳זאָל עסען שבת מיט אַפעטיט, בלייבט איבער פיער

טעג. יאָ, ריכטיג פיער טעג, אין וועלכע איך קאָך מיטאָג. הייסט עס, איך צוטייל דריי פונט פלייש אויף פיער מיטאָגען. הײַנט וויפיעל פלייש קומט אויס אויף איין מיטאָג? קיין פונט דאָך ניט, אָבער אַלץ מעהר ווי אַ האַלב פונט. אַנ׳ערך פון דריי פערטעל פונט. (צום רב). אַנ׳ערך דריי פערטעל פונט פלייש, און וויפיעל געקעכץ עס איז געווען? קען איך אײַך ניט זאָגען, ווײַל דער טאָפּ איז ניט פול געווען.

דער רב. אַלעס צוזאַמען איז געווען צוויי קוואָרט?

די יידענע. צוויי קוואָרט געווים.

דער רב. דער טאָפּ מיט׳ן עסען איז כּשר, די לעפעל דאַרף מען שײַערען און כּשר׳ן.

די יידענע (דערשראָקען). כ׳ווייס רבי׳נקע. כ׳בין דאָך נאָר אַ זינדיגער מענש, אפשר איז קיין צוויי קוואָרט ניט געווען... ניין, איך קען אַזאַ זאַך אויף מײַן נשמה ניט נעהמען.

דער רב. זײַט מוחל, יידינע, און ברענגט אַהער אײַער טאָפּ. איבעריגענס, זײַט זיך ניט מטריח, געהט נאָר אַרײַן אין מײַן קיך, אפשר וועט איהר דאָרט געפינען אַ טאָפּ ווי אײַערער, ברענגט איהם אַרײַן.

(די יידינע געהט אַרויס, באַלד קומט זי צוריק אַרײַן, האַלטענ־דיג אין האַנד אַ טאָפּ).

די יידענע. דער טאָפּ איז פונקט איין גרויס מיט מײַן טאָפּ.

דער רב. ווייזט מיר, ביז וואַנען האָט דערגרייכט די געקעכץ אין טאָפּ.

די יידענע. (ווייזט מיט׳ן פינגער, וועלכען זי לאָזט אַראָב אַלץ נידעריגער און נידעריגער). אָט ביז אַהער רבי׳נקע, ביז אַהער, ביז אַהער.

דער רב. דער טאָפּ מיט׳ן עסען איז כּשר. (די יידענע בלײַבט שטעהן, ניט וויסענדיג וואָס צו טהון, דער רב קוקט איהר אָן פערוואונ־דערט). נו, וואָס בעדאַרפט איהר נאָך?

די יידענע. כ׳ווייס? עפּעס אַ קאַטאָוועס כּשר בּרלב! איך וויל עס אויף מײַן נשמה ניט נעהמען. אפשר איז אין טאָפּ ניט גע־ווען אַזוי פיעל געקעכץ וויפיעל איך האָב געוויזען, הגם איך ווייס זיכער, אַז עס איז געווען פיעל מעהר.

דער רב. כּשר, כּשר לכל הדעות. איהר קענט עס רוהיג



עסען! (די יידענע געהט לאַנגזאַם אַוועק, נאָר שטעלט זיך באַלד אָפּ. דער רב ווענדעט זיך צו די צוויי בעלי־בתים). איהר זעהט, איהר בעמערקט? ווי דער יידענע ווילט זיך דוקא, איהר מיטאָג זאָל ווערען טרפה. איהר בעמערקט, ווי זי ציטערט זי זאָל חס־ושלום ניט נכשל ווערען מיט טרפות? און איהר, ליעבע יידען, האָט בײַ מיר אַ דין־תורה וועגען פינף און צוואַנציג רובל, און יעדער פון אײַך בעמיהעט זיך מיט אַלע טענות צו בעווײַזען, אַז ער האָט רעכט, בשעת איינער פון אײַך מוז דאָך זײַן אומגערעכט, און ער ווי׳ בען דעם צווייטען ב׳גזל׳ען פינף און צוואַנציג רובל, און ער האָט ניט מורא אַרויפ־צוּ׳ענען אויף זײַן נשמה אַנ׳עבירה פון גזלה, וועלכע איז אַ סך האַרבער פאַר אַנ׳עבירה פון טרפות...

די צוויי בעלי־בתים און די יידינע (צוזאַמען). אַ סך האַרבער פאַר אַנ׳עבירה פון טרפות?!

דער רב. יאָ. אַ סך האַרבער פאַר אַנ׳עבירה פון טרפות. אַנ׳עבירה פון טרפות ווערט מכופר מיט תשובה, אָבער אויף אַ גזלה העלפט ניט קיין תשובה. איך רעכען, אַז איהר, ליעבע יידען, זײַט זעהר אָבגעהיט פון טרפה מאכלים, און, אַז עס זאָל בײַ אײַך, חלילה, חמצדיג ווערען אַ גאַנצער פסח, וועט איהר עס מקבל באהבה זײַן, הײַנט ווי קומט עס, אַז איהר היט זיך ניט פון אַ גזלה, און בײַ איינעם פון אײַך איז רעכט צו בעפלעקען זײַן נשמה מיט אַ גזלה פון פינף און צוואַנציג רובל?

איינער פון די בעלי בתים. אַ גוטען טאָג, רבי׳נקע! (ער וויל געהן).

דער צווייטער בעל־הבית. און וואָס וועט זײַן מיט אונזער דין תורה?

דער ערשטער בעל־הבית. קום, ברודער, עס וועט שוין רעכט ווערען.

(די צוויי בעלי־בתים און די יידענע האַלטען בײַם אָבגעהן. עס קומט אַרײַן די רבצין, אַ נידעריגע, דאַרע יידינע, אָבער, מיט פיעל חן).

די רב׳עצין (צום רב). אַנ׳אורח איז געקומען. ער בעט מיר, איך זאָל דיר מודיע זײַן וועגען איהם, און בעטען בײַ דיר רשות אַרײַנצוקומען.

דער רב. ווי הייסט דער אורח?

די רב׳עצין. ער האָט מיר געבעטען זײַן נאָמען האַלטען

בסוד, מסתמא וויל ער דיר איבערבעשען מיט זיין אריינקומען.

דער רב (צו זיך). אַן אורח איז געקומען... ער מעלדעט זיך אָן... ער בעט רשות אַריין צו קומען. (ער ווידערהאָלט די זעלבע ווערטער). הא, איך פערשטעה שוין... ער מוז עס זיין... ער, ניט קיין אַנדערער... (צו די רבי׳צען), געה זאָג דעם אורח, וועלכער הייסט העשול ר.קח, דאָס איך וועל איהם אָננעהמען מיט גרויס שמחה...

(די רבי׳עצין געהט אָב).

(עס קומט אַריין, אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, אַ שעהנעם אויסזעהן; אַ שאָטען פון טרויער רוהט אויף זיין געזיכט).

דער רב. (שטעהט אויף מיט אַ שמחה גיעט איהם די האַנד). שלום־עליכם, מיין ליעבער, זיסער העשול רקח!

העשול. עליכם־שלום, טהייערער, געעהרטער רבי! (זיי האַלזען זיך און קושען זיך).

דער רב. אָ, געלויבט זאָל זיין השם יתברך, וואָס איך האָב דערלעבט דיר ווידער צו זעהן, מיין ליעבער תלמיד העשול!

(די צוויי בעלי־בתים און די יידינע געהען געשווינד אָב. דער רב בעמערקט עס).

דער רב. זיץ, מיין טהייערער העשול. זיי מיר מוחל, איך מוז אויף אַ רגע אַרויסגעהן.

(דער רב געהט אָב. ער רופט די הערויסגעהענדע צוריק און קומט גלייך מיט זיי צוריק אַריין).

דער רב. (צו די אַריינגעקומענע). פאַרוואָס זייט איהר אַזוי געשווינד אַרויסגעלאָפען? וואָס האָט איהר זיך אַזוי געאיילט אַוועקצוגעהן?... (צו העשלען). זיי שטעהען שטום, זיי ענטפערען ניט, אָבער איך פערשטעה זייערע געדאַנקען. (צו די מענשען). איהר האָט געמיינט, אַז איהר האָט פון מיר געזעהן אַ מופת, אַז מיט רוח־הקודש האָב איך געטראָפען, ווער דער אורח איז? איהר האָט זיך געאיילט דאָס מפרסם צו זיין אין דער גאַנצער שטאָדט? זאָגט מיר דעם אמת, האָב איך געטראָפען אייער כוונה?

די יידינע. דער רבי איז אַ חכם, ווי אַ מלאך השם צבאות, יעדעס וואָרט דעם רבי׳נס איז אַ נבואה.

דער רב. איך בין ניט קיין נביא, ניט קיין בעל־מופת, און היות ווי איך האַלט ניט פון די אַלע, וועלכע בעריהמען זיך דערמיט, וויל איך ניט, מען זאָל עס אויף מיר זאָגען. דעריבער האָב איך



אייך צוריקגערופען, כדי אייך צו ערקלערען, אַז נאָר מיט׳ן פשוט׳ען שכל האָב איך פערשטאַנען, ווער דער אורח איז: איך ווייס, אַז מיינע אַלע שטאָדטישע בעלי־בתים, אויך מיינע אַלע בעקאַנטע, וועלכע בעזוכען מיר, ווייסען ניט פון דעם דרך־ארץ, זיך אָנצומעלדען און צו בעטען רשות אַריינצוקומען... האָב איך מיר דערמאָנט, אַז נאָר איין העשול ר.קח ווייס פון דער ד.ר, דערום האָב איך פערשטאַנען, אַז ער איז דאָס דער אורח. יעדער אויף מיין אָרט וואָלט עס פערשטעהן, און קיין שום מופת איז דאָ ניטאָ.

(די צוויי בעלי־בתים מיט דער יידענע געהען אָב).

העשול. עס טהוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס אויך זייענדיג אַ רב, האַלט זיך נאָך דער רבי ביי זיין פריהעריגער קאָרעקטהייט און פינקטליכקייט!

דער רב. „אויך זייענדיג אַ רב״?— רעדסטו עס העשול?

העשול. זייט מיר מוחל, רבי! מיין וועהטאָג רעדט עס אין מיר; איך לייד דורך איינעם פון זיי...

דער רב. וועגען דעם — שפּעטער. יעצט מוז איך זיך עוסק זיין מיט הכנסת־אורחים. וואָס מאַכסטו, מיין טהייערער, וואָס מאַכט דיין פאַמיליע? — שוין דרייצעהן יאָהר זייט דו האָסט חתונה געהאַט. איך ווייס אפילו מיט וועמען, מיט רבי שמעלע פייער־בערג׳ס אַ טאָכטער. מיר דוכט זיך, אַז זי הייסט רוחמה, איך האָב איהר אַלס קינד אַמאָל געזעהן. איך פרעג מיך שטענדיג נאָך אויף דיר. און איך האָב געהערט, אַז איהר זייט ברוך־השם גליקליך, דו וואָהנסט אין דער שטאָדט לאַבאַט, דו ביסט אַ פּאָדריאַטשיק ביי׳ם מיליטער, און ביזט מצליח. זעהסט, אַז איך האָב אָן דיר ניט פערגעסען. האָסטו קינדערלעך? און וואָס מאַכט דיין פרוי? (בשעת דער רב רעדט, שוועבט אַ פינסטערער וואָלקען אויף העשול׳ס געזיכט, צום סוף האָט זיך געוויזען טרעהרען). האָסטו אַ־אשר געליטען פון פאָגראָם? — (העשול האָט אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין. דער רב זיצט טרויעריג, שטיל. העשול בעמיהט זיך אָבצוהאַלטען זיך פון וויינען.

דער רב. וויין דיך אויס, מיט געוואַלד דערשטיק ניט די טרעהרען, דען אַ טרעהר, וועלכער געהט צוריק, פאַלט ער ווי ברענענדיגע שוועבעל אויף די וואונדען פון האַרצען.

(העשול וויינט שטיל, ביסלעכוויז ווערט ער רוהיג).

העשול. ווי דער רבי ווייס, האָב איך געוואָהנט אין דער שטאָט לאַבאַט, דאָרטען האָב איך גליקליך געלעבט מיט מיין פרוי רוחמה, וועלכע איז מיר טהייערער פון מיין אויג אין קאָפּ. די געשעפטען זענען געגאַנגען גלענצענד; איך בין געווען דער איינציגער מיליטער-פּאָדריאַדטשיק אין דער גאַנצער גובערניע. די מיליטער-בעאַמטע האָבען מיר געשעצט און געאַכטעט פאַר מיין פּינקטליכקייט און עהרליכקייט, איך האָב אַ גרויסען פערמעגען ערוואָרבען, געוואָהנט אין אַ פּרעכטיגע וואָהנונג אין אַן׳איינענעם הויז, וועלכעס איז דאָס שענסטע אין שטאָדט. מיט צוויי יאָהר צוריק איז דער כוס פון מיין הצלחה פול געוואָרען דערמיט, וואָס מיין פרוי האָט מיר געבאָרען אַ שענעם זוהן, און מיט אַ יאָהר שפּעטער אויך אַ שענע טאָכטער. דאַן האָב איך דערגרייכט די העכסטע שטופע פון גליק, ביז... (די טרעהרען שטיקען איהם, ער וויינט זיך אויס און הויבט ווידער אָן צו רעדען) ביז וואַנען עס איז געקומען דער פינסטערער טאָג... אין איין שענעם פריהמאָרגען, זענען צו מיר אַריינגעלאָפען יידען מיט אַ יאָמערליכען געשריי: „ראַטעוועט, רב העשול!" מ׳ראַבירט אונז, מ׳שלאָגט אונז, מ׳מאַכט אַ חורבן... לויפט געשווינד צו נאַטשאַלסטווע, בעט רחמים פאַר אונז, זיי זאָלען איינשטילען דעם פּאָגראָם; ווען ניט, וועט ביי אונז ניט בלייבען קיין שׂריד ופליט"... ערשטוינט און ענטזעצט זענען מיר געוואָרען פון דער שרעקליכער בשורה, איך האָב צו מיין פרוי געזאָגט, אַז צו אונז אין הויז, דוכט זיך, וועט דער אונגליק ניט קומען, און בפרט, אַז ביי אונז אין הויז וואָהנט דאָך אַ גרויסער בעאַמטער, וועלכער איז אונזער אַ הויז-פריינד; אויב עס וועט זיך מאַכען, זאָלסטו איהם גלייך אָנזאָגען און עס וועט גאָרנישט זיין... איך בין געלאָפען צו נאַטשאַלסטווע בעטען רחמים, זיי האָבען מיר אַלעס צוגעזאָגט טהון, נאָר דערווייל האָט זיך דער פּאָגראָם געשטאַרקט און מיין אייגען לעבען איז אויך געווען אין אַ סכנה. איך האָב זיך געראַטעוועט ביי אַ בעקאַנטען קריסט אין אַ קע׳ער. דאָרט בין איך אָבגעלעגען אין טויט-שרעק צוויי מעת-לעת. קומענדיג אַהיים האָב איך געזעהן אַ חורבן, אַלץ צוראַבירט, צובראָכען אין פּיצלעך, מיין פרוי האָב איך געפונען ליגענדיג אויף אַ שטרוי-זאַק מיט צוריסענע מלבושים, און האָט געברענט פון היטץ, די אויגען פערלאָפען מיט בלוט און פון מויל האָט געשלאָגען אַ שוים. ווען



איך האָב איהר געפרעגט פאַרוואָס זי האָט ניט גערופען צו הילף דעם בעאַמטען, אונזער שכן, האָט זי אָנגעהויבען שרייען מיט אַן׳איבערנאַטירליכען קול: דעם חורבן, וואָס דו זעהסט איז נאָך אַלץ גאָרנישט, געגען דעם אמת׳ן חורבן, וועגען וועלכען דו וועסט ערשט יעצט הערען: איך בין געשענדעט! געשענדעט!... אָה וועה איז מיר!...

— נאָכדעם האָט מיין פרוי, (העשול זיפצט אָב און רעדט ווייטער). איבערגעלעבט אַ שווערע קראַנקהייט, נאָר גאָט האָט געהאָלפען און זי האָט זיך אָנגעהויבען לאַנגזאַם צו בעסערען, זי איז שוין אימשטאַנד געווען אַרום צוגעהן איבערן צימער. איך האָב מיר געפרעהט און גאָט דערפאַר געדאַנקט. אַ כפּרה דער היזק, אַבי צו נפשות איז ניט געקומען! דערמאָנען די פינסטערע טעג האָט מען ניט געטאָרט, ווייל דאָס פלעגט איהר שטאַרק אויפרעגען. איך האָב איהר בלויז געטרייסט, און זיך בעמיהעט איהר מוטה צו שטאַרקען. נאָר דאָס אַלץ איז נאָך אַ פּנים ווייניג געווען, דער דונערשלאַג בלויז פון אונזערע פיינד האָט ניט געקלעקט, האָב איך איהם בעקומען אויך פון אונזערע „גוטע-פריינד", פון אונזערע „פערזאָרגער..." אין אַ שענעם פריהמאָרגען, בשעת איך בין געזעסען מיט מיין פרוי און געטרייסט און געמונטערט איהר, איז אַריינגעקומען דער שמש פון אונזער רב, רבי יודעלע, און געווענדעט זיך צו מיר מיט די פאָלגענדע ווערטער: „דער רב האָט מיר געשיקט אייך מודיע צו זיין, אַז נאָכדעם, ווי ער האָט געמאַכט אַ חקירה ודרישה וועגען די געשעהענישען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אייער הויז בשעת די פּאָגראָם-טעג, איז אַרויס פון איהם אַ פּסק, אַז איהר טאָרט ניט לעבען צוזאַמען מיט אייער פרוי, ווייל זי איז אייך אָסור"...

דער רב. משוגע, צי חסר דעה?!!... זי איז דאָך אַן׳אַנוסה!...

העשול. טאַקע דאָס זעלבע איז מיר אויך איינגעפאַלען. מיין פרוי האָב איך איבערגעלאָזען אין די הענד פון דאָקטוירים, וועלכע האָבען איהר געמינטערט, און איך בין געלאָפען צו׳ם רב. איך האָב צו איהם געזאָגט: שטייטש, רבי, זי איז דאָך ניט מעהר ווי אַן׳אַנוסה! שיקט געשווינד אָברופען אייער אָסור, וואָרום עס האַנדעלט זיך וועגען איהר לעבען... דער רב האָט אָבער געענטפערט: דו פערגעסט גאָר, אַז דו ביזט אַ כהן...

דער רב. אָה, פֿינסטער איז מיר, דו ביזט אַ כֹּהן. און אַנ־אַנוּסה איז אָסור פֿאַר איהר מאַן אַ כֹּהן, נאָר...

העשול. פֿון אויפֿרעגונג האָב איך צו איהם געשריען: איהר ברענגט דאָך אום אַ גאַנצע פֿאַמיליע! איז עס מעגליך, אַז אונזער הײליגע תּוֹרָה זאָל זײַן פֿאַר אונז אַזוי טיראַניש, זי זאָל פֿאַר אונז זײַן אַ סַם־הַמָּוֶת, מיר זאָלען צוליעב איהר האָבען פּאָגראָמען פֿון אויסװעניג און פֿון אינװעניג!...— „איך האָב פֿאַר דיר אַנ׳עֵצָה, האָט דער רָב צו מיר געזאָגט, איך װעל מאַכען אויפֿסנײַ אַ דְרִישָׁה וַחֲקִירָה, און דו זאָלסט טַעַנ׳ען, אַז דו גלויבסט איהר ניט, דאָס הײסט זי זאָגט עס מיט אַ כִּיוּן, װײַל זי האָט געװאָרפֿען אַנ׳אויג אויף אַנ׳אַנדערען, און װיל פֿון דיר פָּטוּר װערען״...

— מיט אַ שוידער און אַנ׳עקעל האָב איך אויסגעהערט זײַנע רעד. איך, װאָס האָב שטענדיג געהערט פֿון מײַן רֶבּי׳ן, רבי שמואל, אַז אונזער תּוֹרָה איז אַ סַם־הַחַיִים, דאָס איהרע װעגען זענען ליעבליכע, און אַלע איהרע שטעגען פֿיהרען צו פֿריעדען״, — האָב בשום אופֿן ניט געקאָנט צו הערען זײַנע רעד, און האָב גע־רעכענט, אַז דאָס איז ניט דאָס לעצטע װאָרט פֿון אונזער דין. אָה, װען איך װאָלט װיסען דאָס ענדע!...

דער רב, װאָס האָסטו צו׳ם רב, ער מוז דאָך זיך נוֹהֵג זײַן עפ״י דין.

העשול. װאָס איך האָב צו איהם? — ניט װעניגער, װי צו׳ם בעאַמטען, מײַן שָׁכֵן. אַ רב דאַרף זוכען דְרָכִים, װי צו צופּאַסען די דינים און די חוּקי־הַתּוֹרָה צו דעם לעבען...

דער רב. דו רעדסט, װי אַ קינד! מיר, רַבָּנִים, האָבען אונזערע חוּקי־התּורה, און טאָרען אויף אַ האָר ניט אָבטרעטען פֿון זײ, עס מאָג זיך האַנדלען װעגען װאָס פֿאַר אַ זאַך עס זאָל ניט זײַן!

העשול. געגען דאָס טאַקי פּראָטעסטיר איך דאָך. דער שטריך פֿון די חוּקים און דינים מוז פּאַראַלעל געהן מיט׳ן שטריך פֿונ׳ם לעבען, און װען דער לעבענס־שטריך זאָל זיך אָבנײגען פֿון רעליגיאָנס־שטריך, װעט צװישען בײדע שטריכען דער מֶרְחָק װערען װאָס װײַטער אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז צװישען אײנעם און דעם אַנדערען װעט װערען אַזוי װײַט, אַז אָן בײדע צוזאַמען װעט זײַן אונמעגליך זיך צו האַלטען, און מ׳װעט געצװאונגען זײַן אײנעם צו פֿערלאָזען... אָח און װעה װעט זײַן דעם כְּלַל־יִשְׂרָאֵל, װען ער



װעט דעם לעבענ׳ס־שטריך פֿערלאָזען, און, אָח און װעה װעט זײַן אונז, מיט אונזער רעליגיאָן, װען מיר װעלען איהר שטריך פֿער־לאָזען, און אין בײדע פֿאַלען װעט די שולד פֿאַלען אויף די קעפּ פֿון אונזערע פֿערגליװערטע רַבָּנִים. האָבען דען אונזערע תַּנָּאִים און אַמוֹרָאִים אויך אַזוי געטהון? — זענען דען די דִינִים און חוּקִים אין זײערע הענד ניט געקנאָטען געװאָרען װי אַ טײג?

דער רב. זײ האָבען עס געמעגט, אָבער מיר טאָרען עס ניט, אויב מיר װילען, אַז אונזער אֱמוּנָה זאָל אַ קִיוּם האָבען.

העשול. איך האָב דאָך אָבער בעװיזען דעם הֵפֶך.

דער רב. אַז דו עַקְשָׁנ׳סט זיך שטאַרק, װעל איך דיר איבערצײַגען מיט אַ לעגענדאַרישע געשיכטע, אַז איך האָב רעכט. זי איז אָבער ניט קורץ, װילסטו אויסהערען?

העשול. זעהר גערן, זעהר גערן!

דער רב. אין אַפֿריקא, אין מיטען מִדְבַּר סאַחאַראַ, געפֿינען זיך צװײ מְדִינוֹת. צוליעב די אונגעהויערע זאַמדען, װעלכע רינגלען זײ אַרום, האָבען זײ ניט קײן פֿאַרקעהר מיט דער װעלט. פֿאַרצײַטען האָבען אין די דאָזיגע מְדִינוֹת געקעניגט צװײ קלוגע מְלָכִים: אײנער האָט געהײסען אַלקוּם, דער צװײטער — קוּמִיאַל. אײן טאָג איז געקומען צו יעדען פֿון די מְלָכִים אַ מַלְאָך און האָט צו זײ געזאָגט: איך בין געקומען געשיקט צו אײַך פֿון גאָט אײַך צו זאָגען, אַז אין מִדְבַּר סאַהאַראַ, װײַט פֿון אײַך צעהן טעג רײַזע, געפֿינט זיך אַ גאָרטען מיט װאונדערבאַרע פֿלאַנצונגען. נאָר איהר קענט אַהין ניט צוקומען צוליעב די זאַמד חװאַליעס. נאָר אין אַ יאָהר אַרום װעלען די חװאַליעס רוהען אַ גאַנצען חוֹדֶשׁ, בְּכֵן, זאָלט איהר דאַן אַהין שיקען אַנ׳עקספּעדיציע, מען זאָל אָנרײַסען פֿלאַנצונגען און ברענגען אין אײַערע מְדִינוֹת, איהר זאָלט אײַנפֿלאַנ־צען גערטנער, און װען די פֿלאַנצונגען װעלען װאַכסען צװײ הונ־דערט יאָהר, װעלען זײ אַרויסגעבען פֵּירוֹת, װאָס װער עס װעט עסען פֿון זײ, װעט לעבען אײביג. די גאַנצע צװײ הונדערט יאָהר זאָל אָבער קײן מענש ניט װיסען די בעדײַטונג פֿון די גערטנער, עס זאָל זײַן אַ סוֹד. נאָר, הֱיוֹת אײַערע פֿעלקער װעלען שטאַרק געלוסטען צו בעקומען פֿלאַנצונגען, װײַל יעדע זאַך, װעלכע איז אַ סוֹד רײצט דעם חשק, זאָלט איהר מיט אײַער חכמה מאַכען אַ גוטע

שמירה, כּדי די גערטנער זאָלען בלײַבען גאַנץ אינ׳ם משך פֿון די צוויי הונדערט יאָהר.

די קעניגע האָבען אַזוי געטהון. און יעדער פֿון זיי האָט אין זײַן מדינה פֿערפֿלאַנצט אַ גאָרטען און איהם גוט געהיט, און חאָטש דאָס פֿאָלק האָט שטאַרק געשטרעבט צו בעקומען די פֿלאַנצונגען, איז עס אונמעגליך געווען.

בשעת די קעניגע זענען אַלט געוואָרען, האָבען זיי געזוכט אַ פּלאַן, ווי די גערטנער אײַנצוהיטען אויך נאָך זייער טויט.

דער קעניג אַלקום האָט אויפֿגעבויט אַ וואַנד אַרום גאָרטען, געמאַכט הײַזלעך פֿאַר שומרים, און איבערגעלאָזען אַ קאַפּיטאַל אויף אויסצוהאַלטען די דאָזיגע שומרים. ער האָט אויפֿגעשריבען דעם אינהאַלט פֿון גאָרטען, פֿער׳חתמ׳עט, און אָנגעזאָגט מען זאָל דעם פּאַפּיער ניט עפֿענען, ביז עס וועלען זיך ענדיגען די צוויי הונדערט יאָהר.

דער קעניג קומיאל האָט וויעדער אַנדערש עס אײַנגעאָרדענט. ער האָט געמאַכט אַ גראָבען אַרום דעם גאָרטען. דעם גראָבען פֿערדעקט מיט אַ וועלבונג, אין גראָבען געמאַכט אַ קינסטליכע מאַשינעריע, אויף דער וועלבונג געשטעלט קופּפֿערנע מענשען מיט שווערדער אין די הענד, און עס איז געווען אַזוי קינסטליך, אַז ווען עמיצער האָט אַרויפֿגעטראָטען אויף די וועלבונג, האָבען די קופּפֿערנע מענשען געפֿאָכעט מיט די שווערדען, אַז עס איז געווען אונמעגליך אַרײַן צו געהן אין גאָרטען. ער האָט אויך פֿערשריבען אין אַ בוך די בעדײַטונג פֿון דעם גאָרטען, און וואָס מען זאָל טהון, ווען מען וועט דאַרפֿען אַרײַנקומען אין גאָרטען, פֿער׳חתמ׳עט, און אָנגעזאָגט מ׳זאָל עס עפֿענען ענדע די צוויי הונדערט יאָהר.

די בײדע קעניגע זענען געשטאָרבען.

ווײַל אונטער די פֿעלקער זענען אַרומגעגאַנגען פֿערשידענע לעגענדען וועגען די וואונדערבאַרע סגולות, וועלכע די פֿלאַנצונגען ענטהאַלטען אין זיך, האָט בײַ זיי געברענט די תשוקה צו בעקומען פֿלאַנצונגען, נאָר צוליעב די גוטע שמירה איז עס געווען אונמעגליך.

עס זענען אַוועק עטליכע יאָהר. קײַן פֿוס פֿון אַ מענשען איז ניט אַרײַן אין די גערטנער, זיי זענען בעוואַכסען געוואָרען מיט פֿערשידענע דערנער. דער ווינד האָט אָנגעטראָגען שמוץ, זיי



האָבען אַנשטאָט זייער שענעם אויסזעהן בעקומען אַ מאוס׳ען אויסזעהן. דער צאָרען פֿון די אײַנוואָהנער איז דעריבער געווען גרויס.

אַלקומס פֿאָלק האָט אָנגעהויבען טענ׳ען מיט די שומרים, זיי זאָלען אַרײַנלאָזען גערטנער, צו ריײניגען דעם גאָרטען, וואָרום אויב ניט, וועט ער אין גאַנצען חרוב ווערען. זיי האָבען אָבער ניט געוואָלט הערען. דאָס פֿאָלק האָט אָבער ניט געלאָזען רוהען די שומרים. טטײַטש — האָט מען מיט זיי געטענ׳עט -- מען האָט אײַך געשטעלט היטען דעם גאָרטען, אָבער, אַז ער וועט חרוב ווערען, ווערט דאָך פֿון דעם גאַנצען צוועק גאָרנישט. ביסלעכווײַז האָבען די שומרים אײַנגעזעהן, אַז דאָס פֿאָלק האָט דאָך רעכט, און סוף־כּל־סוף האָבען זיי אײַנגעוויליגט אַרײַנצולאָזען גערטנער צו אַרבײַטען אין גאָרטען און איהם ריײניגען אונטער זייער אויפֿזיכט. אין אַ קורצע צײַט איז דער גאָרטען געריײניגט געוואָרען און בעקומען וויעדער אַ שענעם אויסזעהן. אָבער די גערטנער, און אויך די שומרים זענען ניט בײַגעשטאַנען דעם נסיון און האָבען אין דער שטיל אויסגעריסען פֿלאַנצונגען פֿאַר וועלכע זיי האָבען בעקומען גרויסע פּרײַזען, און אויף זייער אָרט פֿערפֿלאַנצט אַנדערע עהנליכע פֿלאַנצונגען, כּדי מ׳זאָל עס ניט דערקענען. און ביסליכווײַז האָבען זיך די אמת׳ע פֿלאַנצונגען, פֿערביטען אויף פֿאַלשע.

מיט קומיאל׳ס גאָרטען, אָבער, האָט אַזוינס ניט געקאָנט פּאַסירען. וואָרום אַז מען זאָל מיט די קופּפֿערנע מענשען טענ׳ען טאָג און־נאַכט, גאַנצע יאָהרען, און זיי איבערצײַגען, אַז עס איז נויטיג צו ריײניגען דעם גאָרטען, און נאָכדעם זאָל עמיצער פּרובען געהן אין גאָרטען — די קופּפֿערנע מענשען וועלען טהון דאָס זייעריגע און פֿאָכען מיט די שווערדען. און דערום איז קומיאל׳ס גאָרטען בעוואַכסען געוואָרען מיט זעהר פֿיעל דערנער, אַז מ׳האָט שוין די פֿלאַנצונגען גאָרניט אַרויסגעזעהן, עס האָט זיך אָנגעקליבען זעהר פֿיעל שמוץ, אויך פּגרים פֿון פֿייגלען און שרצים; עס האָט געשווירדערט אויף איהם צוקוקען, און אַ ריח רע האָט זיך געשפּירט פֿון ווײַטען...

די צוויי הונדערט יאָהר זענען אַריבער. בײדע פֿעלקער זענען פֿײַערליך אַרײַן אין זייערע גערטנער.

אַלקומ׳ס פֿאָלק האָט געפֿונען אַ שענעם, ריײנעם גאָרטען, אָבער ווי נאָר זיי האָבען זיך גענומען צו די פֿרוכט פֿון די בוימער —

אַ קלאָג און אַ צָרָה! — ניט איין בוים איז געווען פון די אֱמֶת'ע פלאַנצונגען...

קומיאל'ס פאָלק האָט געפונען אַנ'עקעלהאַפטען גאָרטען, מ'האָט זיך אָבער גענומען איהם אויסצורייניגען, און אין אַ קורצער צייט איז ער גערייניגט געוואָרען. די אֱמֶת'ע עֵץ־הַחַיִּים'ס האָבען ערשיינט מיט זייער גאַנצער פראַכט. דאָס פאָלק האָט גענעגעסען פון זייער פרוכט און לעבט אויביג...

דאָס איז, מיין קינד הֶעשׁוּל, דער סוד פון יידישער עוויג־קייט, און פון דער אונטערגאַנג פון אַנדערע פעלקער. ביי זיי זענען די שומרים מענשען מיט פערשטאַנד, ביי אונז אָבער — קופּפערנע מענשען.

הֶעשׁוּל (אויפשפּרינגענדיג פון זיין שטוהל). ליעבער רבי, איך מוז מיך אונטערגעבען! צו ערקלערען אַזאַ טיעפע, ברייטע, שווערע פראַגע, אַזוי לייכט, אַזוי פּאָפּולער און קלאָר, — איז אַ גרויסע בְּרִיָה'שקייט וואָס פּאַסט נאָר פאַר מיין רבי'ן, רבי שמואל! דאָס דערמאָנט מיר אָן מיין יוגענד, ווען איך בין געזעסען ווי אַ תלמיד פאַר מיין רבי'ן, רבי שמואל, און האָב געשלונגען זיינע ווערטער... איך בין בעזיעגט. איך קאָן ניט ענטפערען. איך קאָן נאָר מיט אַ טיעפען קרעכץ פרעגען: און ווען וועלען זיך שוין ענדיגען אונזערע צוויי הונדערט יאָהר? — ווער ווייס, אויב מיר וועלען זיך דערציהען ביז דאַמאָלס? — אָ, הַלְוַאי וואָלטען אַלע קופּפערנע מענשען גלייך זיין צו'ם רבי'ן רבי שמואל!

דער רב. דאַן וואָלט ניט גוט זיין... איך פיהל מיך פאַר אַ שוואַכען שומר... נאָר גענוג וועגען דעם. זאָג מיר, מיין קינד, וואָס איז יעצט מיט דיין פרוי...

הֶעשׁוּל. אָ, ניט גוט, ניט גוט, רבי. (לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ, ביידע שוויינען שטיל, טרויעריג).

דער רב. ליעבער הֶעשׁוּל, גיס אויס דיין ביטערעס האַרץ פאַר מיר. איך זעה, אַז דיין טרויער איז גרויס און שווער.

הֶעשׁוּל. וואָס איז יעצט מיט מיין פרוי? — זי איז פאַר מיר אויף אייביג פערלאָרען!

דער רב. וואָס הייסט?

הֶעשׁוּל. זי לעבט, נאָר פאַר מיר איז זי פערלאָרען.

דער רב. דו האָסט איהר געגעבען גֵט?...



הֶעשׁוּל. וואָס אַ גֵט! — אָ, זאָל גאָט שומר ומַציל זיין! — דאָס איז ניט געווען קיין מענש, נאָר אַ ריינער, הייליגער מַלְאָך, וועלכער איז פון הימעל אַראָב, מיר מיין לעבען צו בעלייכטען איי־ניגע געצעהלטע יאָהרען. איבער צעהן יאָהר בין איך צוליעב איהר געווען דער גליקליכסטער אויף דער וועלט. איך האָב אַלץ, אַלץ מיט איין מאָל פערלאָרען! אַלץ איז מיר איבעריג. מיין פערמעגען איז מיר ניט ליעב, מיין לעבען איז מיר צו לאַסט, נאָר צוליעב אונזערע צוויי קינדער האַלט איך מיך נאָך...

דער רב. זי לעבט... זי איז פערלאָרען... קוועל מיך ניט, הֶעשׁוּל!

הֶעשׁוּל. אוי, מיינע צָרוֹת!... זי איז יעצט אין אַנ'אַנשטאַלט פאַר נערוועזע־קראַנקע. עס הייסט — פָּשׁוּט אין אַ משוגָעים־הויז.

דער רב. זי איז משוגע!..., אָה, מיין האַרץ האָט עס מיר געזאָגט! און וואָס זאָגען די דאָקטוירים?, איז פאַרהאַן האָפנונג, זי זאָל געזונד ווערען?...

הֶעשׁוּל. קיין האָפנונג! די דאָקטוירים זאָגען, אַז איהר קראַנקהייט איז ניט צו הײלען. שטענדיג זינגט זי און טאַנצט. זינגט ליעדער, וועלכע זענען אַ מישמאַש פון פערשיעדענע געדאַנקען, נאָר אַ טייל פערזען ענטהאַלטען אַ טיעפען, ליכטיגען געדאַנק; הויבט שטענדיג אָן מיט דעם בעאַמטען און ענדיגט מיט דעם רב... עס טרעפט אַפילו, אָבער זעהר זעלטען, אַז זי רעדט מיט שֵׂכֶל אַ גאַנצע שָׁעָה. אָפטמאָל איז זי אָבער זעהר ווילד: האַקט און ברעכט אויף אַלע זייטען.

דער רב. נאָך אַ קָרְבָּן פון דער היינטיגער, פינסטערער צייט. אַ צולייג צו די טויזענדער יידישע קָרְבָּנוֹת!...

הֶעשׁוּל. די מאָס פון מיינע צָרוֹת איז נאָך דערמיט ניט פול געוואָרען...

דער רב. נאָך ניט פול! — הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ!

הֶעשׁוּל. דער בערלינער פּראָפעסאָר האָט מיר געזאָגט, אַז אויב די קינדער וועלען וויסען זייער מוטער'ס געשיכטע, קען עס זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויף זיי מאַכען. לויט די פּסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט לערנט, קען אין אַזאַ פאַל די מוטער'ס קראַנקהייט איבערגעהן צו די קינדער. ער האָט מיר דעריבער געראַטען די

קינדער זאָלען זיך ערציהען ביי פרעמדע פערזאָנען, וועלכע זיי זאָלען רעכענען פאַר זייערע עלטערען. איך האָב איהם אָבער געזאָגט, אַז מיט דעם יינגעל קען איך עס מאַכען, אָבער ווי איז עס מעגליך אַ טאָכטער איבערצוגעבען אין פרעמדע הענד? האָט ער מיר אַנ'עצה געגעבען, איך זאָל איהר ערציהען ביי זיך, נאָר ניט אַלס אייגען קינד, נאָר ווי אַ פרעמד צוגענומען קינד, ווי אַ קרובה פון מיין פרוי. היינט פערשטעהט איהר שוין, ליעבער רבי, ווי מיר איז אויפ'ן הארצען, ווען איך קען ניט ערציהען מיינע אייגענע קינדער ווי אַ פאָטער, איך מוז מיך פון זיי דערווייטערען, דערום טאַקע בין איך עס צו אייך געקומען, דער רבי זאָל מיר אָנווייזען איין פאַסענדעס הויז, אין וועלכען איך קען מיין י י נ ג ע ל איבערגעבען צו ערציהען, ער זאָל ערצויגען ווערען לויט מיין וואונש און אונטער אייער השגחה. דער י י נ ג ע ל איז יעצט אַלט צוויי יאָהר, ער וועט מיינען, אַז זיינע ערציהער זענען זיינע עלטערן, און זיך רופען מיט זייער פאַמיליע=נאָמען, נאָר איך וועל ביי אייך איבערלאָזען דאָקומענטען, וועלכע בעווייזען, אַז ער איז מיין קינד און מיין יורש.

ד ע ר ר ב. און וואָס וועסטו מאַכען מיט דיין טאָכטער?

ה ע ש ו ל. איך וועל מיך בעזעצען אין מיין אימעניע *), וועלכע איך האָב גע'ירש'ענט פון מיין פערשטאָרבענעם פאָטער ע"ה, זי הייסט אַ ב ר אַ מ אָ ו ו נ אַ, ניט וויים פון דער שטאָט א מ ן=ס י א. קיינער וועט דאָרטען ניט וויסען, אַז זי איז מיינע אַ טאָכטער. איך וועל זאָגען, אַז זי איז מיין פרוי'ס פלעמעניצע, און ווייל איך האָב קיין קינדער ניט, האָב איך איהר גענומען צו ערציהען. קיינע געשעפטען וועל איך שוין ניט פיהרען, איך וועל מיר נאָר איבערגעבען דער ערציהונג פון מיין טאָכטער.

ד ע ר ר ב. דיין ביטע וועל איך ערפילען. דיין זוהן וועט ערצויגען ווערען אין אַנ'אָרענטליך הויז, אונטער מיין השגחה. נאָך היינט וועל איך עס איינאָרדנען. יעצט זאָג מיר, ה ע ש ו ל, וואָס איז מיט דיין ברודער מ א י ר? איך האָב דאָך מיט אייךביידען געלערנט צוזאַמען. וואו געפינט ער זיך, און ווי געהט עס איהם?

ה ע ש ו ל. ער וואָהנט אין א מ ן=ס י א. ער איז זעהר רייך,

*) גוט.



אין שטאָדט איז ער אַ רעדעל=פיהרער, דער בעל=טקסע, דער פרנס=חודש, אַ שתּדלן ביי נאַטשאַלסטוואָ א. ז. וו. איך בעגעה זיך מיט איהם ווי מיט אַ ברודער, אָבער אינערליך סימפאַטיזיר איך איהם ניט, און מייד איהם אויס. איך דאַנק אייך, רבי, פאַר אייער הבטחה צו ערפילען מיין פערלאַנג. מיט דעם וועט איהר מיך בערוהיגען. פון דאַנען וועל איך פאָהרען קיין אויסלאַנד, בעזוכען מיין עלענדע, אומגליקליכע פרוי ר ו ח מ ה. נאָכדעם וועל איך זיך בעזעצען אין דער אימעניע אַ ב ר אַ מ אָ ו ו נ א. דאָרט וועל איך לעבען אַנ'איינזאַמעם לעבען און וועל זיך אָבגעבען דער ערציהונג פון מיין טאָכטער.

ד ע ר ר ב. און כדי צופערזיסען דיין ביטערעם לעבען, זאָלסטו זיך פערנעהמען מיט צדקה, העלפען די געדריקטע, שטיצען די ליידענדע און פון דעם וועסטו שעפען פערגניגען... איך בעט דיר, זאָלסט קומען ביי מיר היינט מיטאָג עסען.

ה ע ש ו ל (אויפשטעהענד). אַלזאָ אויף וויעדערזעהן!

ד ע ר ר ב. אויף וויעדערזעהען, דריי אַ זייגער ביי'ם מיטאָג!

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

# צווייטער אַקט.

אַ שענעס צימער אין פּסיכאַטאָרישען אַנשטאַלט. אויף איין סאָפֿע זיצט רוחמה האַלב אָנגעלעהנט, אונבעוועגליך. איהרע אויגען קוקען שטאַר אויף איין אָרט. צייטענווייז רייסען זיך ארויס פֿון איהר האַרץ טיעפֿע, ווילדע זיפֿצען. ווערטערין פּעפּי און וועכטערין אַנאַ קומען אריין, טראָגען פֿרויען-קליידער, גלייבען שטעהן שטיל נעבען רוחמה'ן און וואַרטען, ביז זי וועט זיי בעמערקען.

פּעפּי. אַ גוטען מאָרגען, ליעבע, זיסע מאַדאַם!

אַנאַ. אַ גוטען מאָרגען, שענע, פּרעכטיגע רוחמה.

רוחמה. גוטען מאָרגען, גוטען מאָרגען. — נו, וואָט הערט זיך, פֿריילין פּעפּי, וואָס מאַכען אייערע קינדער? (צייגענדיג אויף אַנאַ). דאָס איז אייער חתן? כ'לעבען אַ שענער יונג. האָט ער אויך געפּוצטע שטיוועל מיט לאַקירטע חאָלאַווע, אַ פּאָר פּאות ווי פֿלעכטלעך און אַ קאָלטאָנעוואַטע באָרד? ... פֿי פֿי... טויגען ביידע ניט... אַך, ענטשולדיגט מיר! דאָס איז דאָך גאָר מיין ליעבע, זיסע אַנאַ! — איז אייער נאַכט אויך לאַנג, ווי טויזענד איין נאַכט? ... גאָט אין הימעל! פֿון וואַנען נעהמען זיך דאָ אַזוי פֿיעל נעכט! — ביי אונז, דאָרטען, איז פֿאַרהאַן בלויז איין נאַכט, אמת, אַ פֿינסטערע, אַ שוואַרצע. דאָ וועניגסטען איז עס בעלויכטען מיט בלענדענען צווייבער-פֿייער... גוטען מאָרגען, גוטען מאָרגען! וואָס טראָגט איהר דאָ תכריכים? ... -

פּעפּי. זאָל גאָט בעהיטען!, מיר זענען דאָך געקומען די מאַדאַם אויספּוצען. די מאַדאַם וועט אָננעהמען אַ גאַסט, אָבער אַ שענעם, ליעבען גאַסט. דעם, וועמען די מאַדאַם פֿערלאַנגט...

אַנאַ. אַ גאַסט, וועלכען די שענע, ליעבע רוחמה דערמאָהנט טויזענד מאָל אַ טאָג, וועלכען זי גאַהרט צו זעהן...

רוחמה. געוויס דעם שוואַנענבאַכער אָבער-ראַבינער, מיט די לאַנגע האָר און קורצען שׂכל.

פּעפּי. נאָך פֿיעל אַ בעסערען גאַסט. אָה, ווי די מאַדאַם



וועט זיך מיט איהם פֿרעהען, איהר וועט פֿאַר פֿרייד טאַנצען!

רוחמה (שטעהט אויף). טאַנצען? ... (טאַנצט).

פּעפּי. אָבער, איך בעט אייך, מאַדאַם, לאָזט זיך דאָך אָנטהון.

(רוחמה בלייבט שטעהן. זיי טהוען איהר אָן, זאָגענדיג אָפֿט: אָה, ווי שען, ווי פּרעכטיג!)

אַנאַ. און ווי פּראַכטפֿאָל וועט איהר נאָך אויסזעהן, ווען איהר וועט נאָך אָנטהון דיזע שעֿנע בלוזע און אייערע פּרעכטיגע שמוק...

רוחמה. טייערע פֿרויען, טהוט מיר שוין אָן די שמאַטעס, און פֿיהרט מיך אַהין.

פּעפּי. וואוהין, מאַדאַם?

רוחמה. אַהין, אונטער דעם שוואַרצען וואָלקען...

אַנאַ. וואו מיינט איהר, מאַדאַם?

רוחמח. אַהין, וואו די וועלף קליידען זיך אין שעפּסען וואָל...

פּעפּי. וואָס וועט איהר דאָרט טהון, מאַדאַם?

רוחמה. דאָרט טהון? — פֿיהרט מיך נאָר אַהין, וועל איך אייך שוין ווייזען...

פּעפּי. וואָס וועט איהר אונז ווייזען, מאַדאַם?

רוחמה. אַ שענע סצענע, כ'לעבען! איך וועל אייך ווייזען ווי מיין העשול זיצט אויבען אָן; ביי זיין רעכטע האַנד מיין שטעלפֿערטרעטערין — ווייסט איהר ניט ווי זי הייסט? נו, אַלץ איינס, זאָל זי הייסען מאַרגאַריטאַ! זי, מאַרגאַריטאַ, זיצט ביי זיין רעכטער האַנד. נעבען איהר, איהרע קינדער, אויסגעפּוצטע ווי די פּאָפּקעס; רעכטס און לינקס, זייערע באָנעס און גובערנאַנטענס... און דאָרט, ווייט, ווייט, הינטען, זיצען... מיינע... מיינע קינדער, מיינע עלענדע יתומים'לעך, און די אויגעלעך פֿול מיט טרעהרען, וואַרטען אויף דעם חסד פֿון זייער שטיפֿמוטער מאַרגאַריטע... איהר ווייגט? מיר ווילט זיך גאָר זינגען. (זי זינגט).

שטיפֿקינדער צווישען אייגענע קינדער —

און צווישען פֿעלקער די יידען,

זענען אימער די גרעסטע זינדער.

אָח און וועה איז זיי! צָרות אויף די פּודען,
ווען די אייגענע קינדער זענען געראָטענער און שענער.
דאַן ווערען זיי פערהאַסט, פערפאָלגט און פעראַכט...
ערגער אָבער ווען זיי זענען פעהיגער, גרעסערע קענער, —
דאַן ווערען זיי, אָ גאָט! פאַר אַ קָרְבָּן געבראַכט!...

(דער כאָהר אין הינטערגרונד, וויעדערהאָלט די לעצטע צוויי שורות, רוּחָמָה לאָזט אַרויס ווילדע קולות, אָבער צום טאַקט.)

פּעפּי און אַנאַ. אָ, שען געזונגען און טיעף געמיינט!...

פּעפּי. אָבער איהר דַאַגֶה'ט גאָר אומזיסט, מאַדאַם! אייער געעהרטער מאַן איז אייך טריי געבליעבען, אייערע קינדער וועלען קיינמאָל ניט זיין קיין שטיפקינדער, און איך וויל אייך טאַקי זאָגען, אַז דער גאַסט איז ער...

רוּחמה (לעגט איהר האַנד אַרויף אויף איהר מויל). פאַר מיר אַ חתן! גוט, גוט, ער קען אַריינקומען.

פּעפּי. אָבער הערט דאָך דער גאַסט איז גאָר אייער מאַן, מאַדאַם, אייער טייערער העשול. איהר ווילט איהם אָננעהמען?

רוּחמה. וואָס, מיין מאַן? — ער וויל מיר אַ גֶט אויפ'ן האַלז אָנהעַנגען? איהר זאָלט איהם ניט אַריינלאָזען! ניט איבערען שוועל! איך וועל פון אַלץ אַ תֶּל מאַכען!...

אַנאַ. אָבער ליעבע, זיסע רוּחמה! ער איז געקומען אייך צו בעזוכען נאָר צוליעב טרייהייט... און אויב איהר וועט איהם רוהיג אָננעהמען, וועט ער אייך נעהמען מיט זיך אַהיים...

רוּחמה. וואוהין? דאָרט, אונטער דער שוואַרצער חופּה? הערט מיר נאָר אויס, וועל איך אייך ערצעהלען אַ שענע געשיכטע. דאָרט וויַיט, זעהר ווייט, נעבען די וויַיסע בערען, איז פאַרהאַן אַ גרויס, זעהר אַגרויס פאָלק און זעהר אַקליין פאָלק, וועלכע האָט געליטען אַ שיפּ־ברוך, און איז געשליידערט געוואָרען פון איין חוואַליע צו דער אַנדערער און איז ענדליך פערוואָרפען געוואָרען צווישען דעם גרויסען פאָלק. דאָס גרויסע פאָלק ליידעט ניט דאָס קליינע פאָלק, איז אויף איהר גוזר ביטערע גְזֵרוֹת, האָט איהר איינגעשפּאַרט אין אַ ווינקעלע, ווי הערינג אין אַ פאַס, און ציהט פון איהר דעם זאַפט, און פונדעסטוועגען לעבט דאָס קליינע פאָלק אין



פּרוכטבאַרט זיך... אֶפְשָׁר קענט איהר טרעפען דאָס רעטענעס, ווי אַזוי לעבט דאָס קליינע פאָלק?

פּעפּי. איך ווייס? מסתמא האָבען זיי שטעלעס, אַמטען...

רוּחמה. אֲפִילוּ אַ שטעלע אַלס אַ סטרוזש גיעט מען זיי אויך ניט.

אַנאַ. אויב אַזוי, בעזיצט דאָס קליינע פאָלק, מסתמא, וואונדערבאַרע פעהיגקייטען, וועלכע שטייגען אַריבער אַלע בעגרענצונגען. (צו פּעפּי שטיל.) יעצט איז ציַיט, זי איז אין איהר נאָרמאַלער רוהיגקייט. (פּעפּי קלינגט אָן).

רוּחמה. ניט געטראָפען. נאָר דערפאַר וויַיל זיי זענען עקספּלאָטאַטאָרען, פּאַראַזיטען. איהר גלויבט ניט! אַדרבה, געהט פרעגט דעם גרויסען פאָלק... און טאַקי דערום בעפאַלען זיי אויף דאָס קליינע פאָלק, בערויבען איהם, פערוויסטען זיַין האָב־און־גוטס, שענדען זיַינע פרויען און טעכטער, שניַידען בריסט, שפּאַלטען בייַכער שלאָגען נעגעל אין קאָפּ... רעכט אויף זיי... אַ שיינע, ריינע כַּפָּרה!... זאָלען זיי ניט עקספּלאָטירען, זאָלען זיי אויספּגערן אין פּאַס, אָהן עסען און אָהן לופט... וואָס קוקט איהר מיך אָן, וואָס וואונדערט איהר זיך? — איהר גלויבט מיר נאָך אַלץ ניט? געהט פרעגט רבי יודעלען, וועט ער הייסען גטין מיט די מאַנען, כְּדֵי צו לייטערען די נְשָׁמוֹת. קוקט, קוקט אויף מיַין נשמה, קוקט טיעף טיעף דורך מיַין אויגען־אַפּפּעל, נו, איז מיַין נשמה ניט געלייטערט ווי גינגאָלד?... (נעהמט זיי אונטער די אָרעמס.) יעצט פאָהרט מען גלייך אין גַן־עֵדן...

(די טהיר עפענט זיך אַביסעל, דורך די עפענונג זעהט זיך העשול).

פּעפּי. אַ ריהרענדע געשיכטע! האָט איהר עס געלעזען אין אַ מיטעל־עלטערליכע בעשרייבונג?

רוּחמה. געלעזען. געלעזען. דאַרף איך לעזען? איך בין אַליין די געשיכטע! —

(פּעפּי ווינקט העשלען, ער זאָל אַריין, העשיל מאַכט אַפּאָר טריט און בלייבט שטעהן. אַנאַ און פּעפּי פערשווינדען.)

העשול. אָ, מיין טייערע רוּחמה!. (רוּחמה טהוט אַמאַך מיטען האַנד און דרעהט זיך אָב, בלייבט שטעהן ווי אַ סטאַטוע.)

העשול. אָ, מיין טייערע, איינציגע רוּחמה!

רוּחמה. און אויך מאַרגאַריטאַ דיין טייערע איינציגע!...

העשול. נאָר דו, רוחמה, ביזט מײַן אײנציגע! פֿון קײן אַנדערע ווײס איך ניט און וויל ניט וויסען. (רוחמה קעהרט זיך אום צו איהם.)

רוחמה. נו, וואָס האָסטו געבראַכט דײַן טײַערע אײנציגע! האָסטו מיר געבראַכט דעם שליסעל פֿון גן־עדן? אַפֿאַריק מײַן איך...

העשול. איך האָב דיר געבראַכט אַוואַרעמען ליעבליכען גערום פֿון אונזערע קינדער!...

רוחמה (געריהרט). פֿון אונזערע קינדער? ווירקליך פֿון אונזערע קינדער?, דו מײנסט פֿון מאַרגאַריטע׳ס שטיפֿקינדער?

העשול. אָ, מײַן גאָט! (הויבט אויף זײַן האַנד.) איך הויב מײַן האַנד צום הימעל און שווער: מײַן אײנציגע ביזטו, ליעבע רוחמה, געווען און מײַן אײנציגע וועסטו זײַן ביז מײַן לעצטען אָטהעם. איך לעב בלויז פֿאַר דיך און פֿאַר אונזערע ליעבע, שענע קינדער!...

רוחמה. דאָ הער איך ווידער זײַן שטים. (זי שטרעקט אויס איהרע אָרעמס, העשול פֿאַלט איהר אײַפ׳ן האַלז, זײ אומאַרמען זיך און קושען זיך.)

העשול. מײַן רוחמה!...

רוחמה, מײַנע קינדער!...

העשול. איך לעב נאָר צוליעב אונזערע קינדער! אָ, ליעבינקע רוחמה, זײַ שוין געזונד פֿון אונזערע קינדערס וועגען!...

רוחמה. מײַנע ליעבע, שענע קינדער! (זי וויינט און חליפּעט און שאָקעלט זיך. העשול האַלט איהר אויף און לעגט איהר אויפ׳ן סאָפֿע. זי וויינט און שלוחצט, ווידערהאָלט מיט אַ ריהרענדע שטים: „מײַנע קינדער!“... העשול זעצט זיך נעבען איהר און בערוהיגט זיך.)

העשול. איך בעט דיך, מײַן ליעבע רוחמה, וויין ניט, בערוהיג דיך. אונזערע קינדער זענען, ברוך השם, געזונד און מונטער: ווער עס זעהט זײ, בעוואונדערט זײער שענהײַט. דײַן זוהנעלע דערמאָהנט דיך יעדע רגע, דאָס וואָרט „מאַמע“ געהט ניט אַרויס פֿון זײַן מויל. איך זאָג צו איהם די מאַמע וועט קומען, און וועט דיר ברענגען אַפֿערדעלע און רײַטער. ער פֿרעהט זיך אָן און ווידערהאָלט: „מאַמע קומען... בענגען פֿעד און יאַייטער“... אויך דײַן טאָכטערעל בליהט ווי אַבלוהם, איהר אם איז איהר איבערגעבען מיט לײַב און לעבען, היט איהר ווי אַן׳אויג אין קאָפּ... איך האָב מיך יעצט בעזעצט אין אונזער אימעניע אַבראַמאָוונאַ, כּדי מיר זאָלען



דאָרט קאָנען לעבען רוהיג, דעם שענעם געגענד קאָנסטו דאָך, אונזער פּרעכטיגע הויז שטעהט אין מיטען גאָרטען, אַרום און אַרום זענען פּרעכטיגע אַלעען, בײַ די זײַטען פֿערשידענע רײַצענדע בלומען, די צימערען שען רעסטירירט, איך האָב פּראַכטפֿאָלע מעבעל געקויפֿט, און אַלעס וואַרט נאָר אויף דיך מײַן טײַערע! (ער קושט איהר). דו ביזט שוואַך, דו ביזט נערוועז. אָ, רוחמה׳לע, שטאַרק זיך, בערוהיג זיך... בעטראַכט נאָר, אַלץ איז אין בעסטען אָרדנונג, עס פֿעהלט אונז גאָרניט, מיר קענען גליקליך לעבען, קײנער שטערט אונז ניט, דאַרפֿסט שטענדיג זײַן צופֿריעדען. גאָט צו דאַנקען, האָסט אַ איבערגעגעבענעם מאַן, צוויי שענע, געראָטענע קינדער, קאָנסט זיצען אין דער הײם און קלויבען נחת... נאָר זײַ רוהיג און זיכער אין דײַן גליק; קײנער קען אונז ניט שטערען אונזער גליק, געזונד זאָלסטו נאָר זײַן! דער דאָקטאָר האָט מיר הײַנט בערוהיגט וועגען דיר: ער זאָגט עס וועט ניט לאַנג דויערען, וועסטו געזונד זײַן ווי אַלע מענשען. דאַן וועל איך, מיט גאָטס הילף, ווידער אַהער קומען, און וועל דיך נעהמען מיט זיך אַהײם. אָ, ווי גרויס וועט דאַן זײַן די שׂמחה פֿון אונזערע קינדער און פֿון אונזערע אַלע בעקאַנטע און גוטע פֿרײַנד!...

רוחמה (קושט איהם). און פֿאַרוואָס זאָלסטו שוין גלײַך מיר ניט נעהמען אַהײם? — איך בין דאָך פֿאָלקאָם געזונד, דען וואָס פֿעהלט מיר? וואָס הערסטו די שאַרלאַטאַנעס די דאָקטוירים! אַדרבה, בעטראַכט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אַלע מײַנע גליעדער זענען גאַנץ און געזונד, קײן וועהטאָג האָב איך ניט. איך בין ניט שוואַך, נאָר שטאַרק און קרעפֿטיג. וואָס לאָזטו זיך אײַנרעדען... איך בין ניט קראַנק, איך בין געזונד. אָ, פֿערלאָז מיך ניט, מײַן טײַערער העשול! בײַ וועמען לאָזטו מיר דאָ, וועמען האָב איך דאָ, נעהם מיך שוין אַהײם צו אונזערע ליעבענקע קינדערלעך...

העשול. נו, גוט, זאָל זײַן, ווי דו ווילסט. איך וועל דאָ מיט דיר זײַן עטליכע טעג, און, אַז מיר וועלען זיך איבערצײַגען, אַז דו ביזט פֿאָלקאָם געזונד, וועל איך דיך נעהמען אַהײם צו אונזערע קינדער. (האַלזט און קושט איהר).

רוחמה. אָ, ווי גוט דו ביזט צו מיר, און ווי שלעכט איך

בין צו דיר! איך, פֿעראורזאַך דיר אַזוי פֿיעל קרענקונג און עגמת נפֿש... זײַ מיר מוחל, מײַן גוטער מאַן! מײַן נערוועזקײַט ברענגט מיך דערצו. שטענדיג שרעקן מיך די געדאַנקען און שטעלען מיר פֿאַר פֿאַלשע, אָבער שרעקליכע בילדער. מיר דוכט זיך, אַז דו האָסט מיך פֿערשטויסען און פֿערגעסען, אַז דו האָסט גענומען אַ נײַע פֿרוי, וועלכע הײַסט מאַרגאַריטאַ, און האָט דיר געבוירען קינדער, און מײַנע עלענדע קינדער פֿעריאָגסטו און פֿערפֿאָלגסט, ווי פֿערלאָזענע יתומים... און איך בין ניט אימשטאַנד אַרויסצוטרײַבען פֿון מיר די שרעקליכע געדאַנקען, וועלכע פֿערפֿאָלגען מיך טאָג און נאַכט. נאָר דײַן פֿרײַנדליכעס געזיכט, און דײַנע ליעבליכע ווערטער טרײַסטען מיך און פֿערשאַפֿען מיר רוה. אָ, ווער ווײַסט נאָך ווי איך, ווי טרײַ דו ביזט מיר, און אַז דו ביזט גרײַט פֿון מײַנטוועגען צו געהן אין פֿײַער און אין וואַסער...

העשול. דו מאַכסט מיר פֿאַלשע קאָמפּלעמענטען; איך האָב דיר נאָך ניט בעוויזען קײַן פֿאַקטען דערויף. נאָר גאָט איז מײַן עדות, אַז אין דער צוקונפֿט וועל איך עס בעווײַזען...

רוחמה. און איך האָב שוין יאָ געזעהן פֿאַקטען; ווי שטאַרק דײַן ליעבע איז צו מיר. מסתמא געדענקסטו דעם געשעפֿט, וואָס דו האָסט געמאַכט אין יבוק... און, קומענדיג אַהײַם, האָסטו מיר געבראַכט אַ טײַערע מתנה...

העשול. וואָס פֿאַר אַ פֿאַקט איז דאָס? איך האָב געמאַכט אַ גוט געשעפֿט, — פֿערדיענט אַ סך, דערום האָב איך...

רוחמה. אַ גוט געשעפֿט, פֿערדיענט... און איך ווײַס, אַז דו האָסט דאָרט געמאַכט אַ שלעכט געשעפֿט, צוגעלעגט דײַן גאַנצעס פֿערמעגען. נאָר כּדי איך זאָל דערפֿון ניט וויסען, און ניט האָבען קײַן עגמת נפֿש, האָסטו געמאַכט אַ „שטיקעל", און האָסט געקויפֿט פֿאַר די לעצטע זעכס הונדערט רובל, וועלכע איז דיר געבליבען, פֿאַר מיר אַ מתנה, כּדי איך זאָל דיר גלויבען, אַז דו האָסט פֿערדיענט און — זײַן פֿרעהליך...

העשול (פֿערוואונדערט). ווער האָט דיר דעם סוד מגלה געווען?...

רוחמה. אַ בריעף, וועלכער איז אין מײַנע הענד צופֿעליג



אַרײַנגעפֿאַלען... אָבער, מײַן גוטער מאַן, איך בלײַב אויך ניט צוריק מיט ליעבע און טרײַהײַט צו דיר. געדענקסטו, מײַן ליעבער מאַן, ווען איך בין אַמאָל קראַנק געווען, און פּלוצלונג האָסטו ערהאַלטען אַ טעלעגראַמע, אַז דײַן פֿאָטער איז קראַנק. דו, אַלס טרײַער זוהן, האָסטו געוואָלט פֿאָהרען צו דײַן פֿאָטער, אָבער דו האָסט בשום אופֿן ניט געוואָלט פֿערלאָזען דײַן ווײַב קראַנקערהײַט... דו האָסט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, און ניט געוואוסט, ווי צו טהון. איך האָב זיך בײַ דיר געבעטען דו זאָלסט פֿאָהרען צו דײַן קראַנקען פֿאָטער, אָבער דו האָסט ניט געוואָלט הערען... און דאַן...

העשול. און דאַן האָב איך געוואַרט ביז צומאָרגען. איך האָב מיט'ן טערמאָמעטער דיר אָבגעמאָסטען די היץ, און עס איז געווען נאָרמאַל, בלויז $36^{5}$... האָב איך מיר איבערצײַגט, אַז די קראַנקהײַט איז פֿון דיר אינגאַנצען אָבגעטראָטען און בין געפֿאָהרען צו מײַן פֿאָטער.

רוחמה (מיט אַ שמייכעל). און נאָך דײַן אָבפֿאָהרען בין איך ערשט קראַנק געווען אַכט טאָג. די היץ האָט דערגרײַכט ביז פֿערציג גראַד, און דיר האָב איך מודיע געווען, אַז איך בין געזונד, אום דו זאָלסט רוהיג זיצען בײַ דײַן פֿאָטער, ווי לאַנג דו ווילסט.

העשול. און איך האָב דערפֿון ניט געוואוסט!... ווי איז עס מעגליך? דער טערמאָמעטער קען דאָך ניט פֿאַלש צײַגען?

רוחמה. איך האָב עס בכּיוון געמאַכט, איך האָב דעם טערמאָמעטער ניט צוגעדריקט, כּדי ער זאָל פֿאַלש צײַגען, און דו זאָלסט קענען רוהיג מיר פֿערלאָזען און פֿאָהרען צו דײַן פֿאָטער.

העשול (פֿאַלט איהר אויפֿ'ן האַלז און קושט איהר). דאָס האָסטו געטהון! אָ, רײַנע נשמה. דו ביזט קײַן מענש, נאָר אַ מלאך פֿון הימעל!...

רוחמה (ווײַזענדיג מיט'ן פֿינגער אויבען). דו זעהסט איהם? ער קוקט אויף מיר ווי אַ רוצח!... ער וויל ווידער אונז שטערען דאָס לעבען... זעה, זעה, ווי ער גלאָצט אויס אויף מיר די אויגען... (שפּרינגט אויף). וועה, וועה איז מיר!...

העשול. וועמען זעהסטו, מײַן לעבען?... קײנער קוקט דאָך ניט... איך בעט דיר, מײַן טײַבעלע, בילדע זיך ניט אײַן קײן נאַרישקײַטען...

רוחמה (מיט אַ ווילדען קול), ער... ער... רבי יודעלע! (שטויסט אָב פון זיך העשלען). גײה, גײה!... אַוועק פון מיר!... איך בין פאַר דיר פערבאָטען!... ער זאָגט: די תּורה הײסט ניט, די תּורה פאָדערט קרבּנות... טרעט אָב!... טרעט אָב פון מיר, דו בײזער שלאַנג... ווילסטו פון מיר אָברויבען מײַן גן־עדן!... (מיט שרעק). אוי וועה איז מיר!... ער איז בײז... פונקען שפריצען פון זײַנע אויגען!... גײה צו'ם טײַוועל, דו פינסטערע נשמה!...

העשול. אָבער זײַ דאָך רוהיג, מײַן ליעבינקע רוחמה! וואָס איז דיר? עס איז דאָך בלויז אַ פאַלשע פאַנטאַזיע... דו ביזט דאָך אַ קלוגע פרוי. בעמערק, בעטראַכט גוט, וועסטו זיך איבערצײַגען, אַז קײנער קוקט אויף דיר ניט... בערוהיג דיך, און מיר וועלען רעדען וועגען אונזערע ליעבע און זיסע קינדערלעך...

רוחמה. איך וויל ניט וויסען פון דיר און פון דײַנע ממזרים! אַרויס... אַרויס... דו בלוט־גיעריגער מענש! אַרויס פון דאַנען, דו בעל־תּאווה!... (שטויסט איהם העפטיג אָב). ריהר מיך ניט אָן... איך וועל דיר ממית'ן...

(זי וואַרפט אויף איהם אַ פלאַש מיט וואַסער. העשול בלוטעט. זי וואַרפט וויעדער וואָס זי חאַפּט אין האַנד, בעדיענער און בעדיענערענס לויפען אָן פון אַלע טהירען און בעזײַטיגען העשלען. זי רײַסט איהרע קלײדער, שלאָגט רעכטס און לינקס. מיט גרויס שווערינקײַט לעגט מען איהר אויפ'ן בעט, מ'בינט צו איהרע הענד און פיס צו'ם בעט. מיט צאָרען און כּעס בײַסט זי זיך. עס קומט אַ דאָקטאָר, שפריצט איהר אונטערן הויט מאָרפיום. ביסלעכווײַז ווערט זי שטילער און רוהיגער).

רוחמה. האָט איהר געהערט?... ער וויל מײַן חלק עולם־הבּא בײַ מיר אויך אַוועקנעהמען... אָבער רבּי יודעלע זאָל לאַנג לעבען, ער היט מיך, ער וויל לײַטערן מײַן נשמה!... הונדערט יאָהר זאָל ער לעבען... (זי זינגט).

דער בעאַמטער האָט געטהון נאָך זײַן איבערצײַגונג:

ער איז אַ וועלט־גאַסט און איך אײנע שפּײַזע...



דער רבּ האָט געהאַנדעלט לויט זײַן נײַגונג:

מײַן נשמה צו לײַטערען צו עוויגער רײַזע.

דער קיצעלט און קושט, דער שײַדעט און דריקט,

און איך עלענדע בין דורך זײַ בײדע געוואָרען פעריקט...

(דער כאָהר פון הינטערגרונד וויעדערהאָלט די לעצטע צוויי שורות און זי בעגלײַט מיט ווילדע קולות).

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

# דריטער אַקט.

## ערשטער סצענע.

אַ גרויסעס, שענעס צימער אין העשול רקח׳ס וואָהנונג, בײַם טיש זיצט הדסה, העשול׳ס טאָכטער, וועלכע ער האָט ערצויגען אַלס פּלעמעניצע, נעבען איהר זיצט איהר פֿרײַנדין שולמית, די צײַט: 1904; אָרט: אימעניע אַבראַמאָווּנאַ, צוויי ווייערסט פֿון דער שטאָדט אמן-סיא.

הדסה. הײַנט וואַרט איך אויף מײַן לעהרער, מײַן דוד׳ן, מיט מעהר אונגעדולד ווי שטענדיג. איך וואַרט אויף איהם מיט אַ פֿרייעס, אונגעפּרעסטעס האַרץ. די שווערע שטיינער האָב איך אַראָבגעקײַקעלט פֿון מײַן האַרצען, צײַט איך האָב ענדעקט פֿאַר מײַן פֿעטער מײַן טיפֿען, איניגסטען וואונש.

שולמית. וואָס האָט אָבער דײַן פֿעטער דערויף געזאָגט?...

הדסה. דו ווייסט, מײַן ליעבע שולמית, אַז איך האָב מײַן פֿעטער ביז אַהער גאָרניט געקאָנט. יאָ, איך האָב געוואוסט, אַז ער ליעבט מיך ווי אַן׳אייגען קינד, אַז ער איז צו מיר גוט, ווי אַ פֿאָטער, אָבער אַ פֿאָטער וואָלט אויך ניט אַזוי קאַלט-בלוטיג אויפֿגענומען אַזאַ פֿאָרשלאַג פֿון אַ טאָכטער... אָ, וועלכע סכּסוכים און קריגערייען עס ברעכען אויס צווישען עלטערען און קינדער בײַ אַזוינע אַנגעלעגענהײַטען! ווי טראַגיש עס ענדיגען זיך אָפֿטמאָל אַזוינע זאַכען... שטעל דיך פֿאָר, פֿינף און צוואַנציג טויזענד רובל נדן גיעט ער מיר... ער פֿאַנטאַזירט צו געפֿינען פֿאַר מיר אַ חתן, עס זאָל מיט איהם די וועלט קלינגען, אַחתן מיט תּורה, בילדונג, עשירות און יחוס... אַפֿילו פֿון זײַן ברודערס זוהן, זרח׳ן, וויל ער ניט הערען און וויל ניט וויסען, חאָטש ער האָט פֿון זײַן פֿאָטער אַגרויסען פֿערמעגען געירשנט, איז אַ למדן און אויך געבילדעט...

שולמית. ענטשולדיג מיר, וואָס איך פֿאַל דיר אַרײַן אין די רעד. אַז דו ווילסט ניט הערען פֿון זרח׳ן פֿערשטעה איך גאַנץ



גוט פֿאַר וואָס; מיר, פֿרויען, האָבען אין דעם אַ בעזאָנדערן חוש הריח, אָבער פֿאַרוואָס געפֿעלט ער ניט דײַן פֿעטער?...

הדסה. מײַן אָנקעל זאָגט: מײַן ברודער האָט געבילדעט זײַן זוהן נאָר בלויז צוליעב דעם, כּדי צו דערהאַלטען זײַנע שתדלנות בײַ נאַטשאַלסטווע און צו וואָס אַזאַ בילדונג פֿיהרט פֿערשטעהט יעדער... אַלזאָ מײַן פֿעטער׳ס פֿאָרשטעלונגען וועגען אַ חתן פֿאַר מיר זענען זעהר גרויסע. פּלוצלונג קומט דאָס מעדעל און צעשטערט אַלע זײַנע גאָלדענע לופֿטשלעסער!... איך האָב איהם אָפֿען אַרויסגעזאָגט, אַז איך ליעב מײַן לעהרער דוד׳ן... אמת טאַקי ער איז אַ מאַן מיט הויכע בילדונג, אַדאָקטאָר פֿילאָזאָף, אַ מאַן מיט מאָראַל, מיט אַהאָניג-זיסען חאַראַקטער, אַמאַן נאָך מײַן פֿעטער׳ס וואונש... אָבער דאָך אַן׳אָרעם קינד, שטאַמט פֿון אָרימע עלטערען, אָהן יחוס און, לויט זײַן מיינונג, אָהן אַ צוקונפֿט... איך האָב געמיינט, אַז דער פֿעטער וועט שרעקליך אויפֿגעבראַכט ווערען פֿון אַזאַ פֿאָרשלאַג, און איך בין שוין געווען פֿאָרברייטעט צום קאַמפּף... זאָגען איהם מײַן לעצטען בעשלוס, אַז איך בין גרייט, ווען עס וועט נעטיג זײַן, צו ענטזאַגען זיך פֿון אַלע גליקען און צו לעבען אַן׳איינפֿאַכעס לעבען מיט מײַן אויסערוועהלטען... דער ליעבער פֿעטער האָט עס מיר, אָבער פֿערשפּאָרט. מיט אַ לײַכטען שמייכעל האָט ער מיך אויסגעהערט. אונטערען שמייכעל איז אויך געווען צו בעמערקען אַ שמערצפֿאָלען גרימאַס, ער האָט צו מיר מיט אַ פֿרײַנדליכע פֿאָטערליכע שטימע געזאָגט: איך בעט דיך, מײַן קינד, האַלט עס ניט אין זינען, ביז איך וועל דיר דערויף געבען אַנענטפֿער... ביז דעמאָלט זײַ, מײַן קינד, רוהיג און געדולדיג... דאָס איז אַפֿילו נאָך ניט קיין צושטימונג, אָבער אַלענפֿאַלס ניט קיין אָבזאָג... איך מוז געהאָרכען און געדולדיג וואַרטען. ער האָט אַרויסגערופֿען צו זיך זײַן בעל-יועץ, זײַן רבי׳ן רבי שמואל, איך גלויב, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט מײַן ענין און דאָס פֿערשטאַרקט מײַן האָפֿנונג. דען דער רבי שמואל איז דאָך פֿאַר מײַן דוד׳ן אַזוי גוט, אַזוי פֿרײַנדליך! ער האָט דאָך, ווי דער פֿעטער האָט ערצעהלט, איהם צו אונז רעקאָמאַנדירט... איך קען האָפֿען, איך קען ערוואַרטען אַ גוטען רעזולטאַט...

שולמית. ווייסט שוין דײַן דוד דערפֿון?...

הדסה. ער האָט קיין אַהנונג דערפֿון... איך וויל איהם ניט

פֿערפֿיהרען מיט אונזיכֿערע האָפֿנונגען, איהם וועל איך ערשט דאַן זאָגען, ווען איך וועל שוין קענען איהם איבערראַשען מיט אַ מזל־טוב...

שולמית (שטעהט אויף גיעט הדסה'ן די האַנד). גליק אויף דיין וועג, דיין פּלאַן זאָל דיר געלינגען! אַדיע, שוועסטער!...

הדסה (קושט זיך מיט איהר). אַדיע, קום ווידער, טייערע שוועסטער! (שולמית געהט אָב.) ווירקליך, ווען ניט דער עזות'דיגער זרח, ווען ער וואָלט מיר אַזוי ניט געקוועלט מיט זיין נאָכגעהן נאָך מיר, — וואָלט איך מיך נאָך ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטען מיט מיין פֿאָרשלאַג פֿאַר מיין פֿעטער. ער, דער נידערטרעכטיגער זרח, האָט מיר מיין לעבען פֿערביטערט מיט זיינע חוצפּה'דיגע פֿאָרשלאָגען, מיט זיינע ציניש עהאַנדלונגען, ער מאַכט מיר ענג, איך האָב פֿון איהם קיין אָרט ניט, וואו זיך צו בעהאַלטען... און אַרויסטרעטען געגען איהם אָפֿען, הייסט עס, צו שטערען דעם שלום־בית, פֿעראורזאַכען מיין טיעף־געליעבטען פֿעטער קרענקונגען... אַלזאָ האָב איך קיין אויסוועג ניט געהאַט... שאַ... דוכט זיך ער געהט... הדסה! זיי רוהיג און קאַלט־בלוטיג... (זעצט זיך שנעל צום טיש.)

(דוד קומט אַריין, פֿערנייגט זיך, בעגריסט זי, זעצט זיך אַקעגען איהר, קוקט איבער איהרע שריפֿטליכע אַרבייט, גיעט איהר צו קוראַזש מיט זיינע בעמערקונגען, לעגט איהר פֿאָר נייע אַרבייט.)

הדסה. אָ, וואָס פֿאַר אַ עהרענווירדיגער מאַן איז דער רב, רבי שמואל! עפּעס אַ הייליגקייט רוהט אויף זיין וויים, אַלבאַסטער געזיכט. ווי אַנגענעהם זענען זיינע בענעהמונגען, ווי זיס זענען זיינע רעד, אַזוי ליעבליך, אַזוי סימפּאַטיש. עפּעס גאָר אַנדערש פֿון די אַלע רבנים, וועלכע איך האָב געזעהן, איבערהויפּט גאָרניט גלייך צו אונזער אמן־סיאָ'ער רב...

דוד. וואָס האָט איהר אייגענטליך צום אמן־סיע'ר רב?

הדסה. גוט, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט, זאָגט מיר, הערר לעהרער, קען מען צולאָזען דעם געדאַנק, אַז אין אונזער תורה איז פֿאַרהאַן אַ הבטחה, וועלכע איז ניט מקוים געוואָרען?...

דוד. בשום אופֿן ניט. די תורה איז פֿון גאָט, אַלזאָ ריינע וואַרהייט, ווי ער אַליין איז וואָהר.

הדסה. אַלזאָ, האָב איך אייך אַ פֿראַגע צו געבען. די פֿראַגע ענגבערט מיר דעם קאָפּ פֿון לאַנג אָן. — אין דער תורה איז געשריבען: „איהר זאָלט היטען און טהון (די מצות), דען דאָס איז אייער חכמה און אייער פֿערשטאַנד אין די אויגען פֿון די פֿעלקער, וועלכע וועלען הערען פֿון די געזעצען און וועלען זאָגען: אַז נאָר דאָס גרויסע יידישע פֿאָלק איז קלוג און פֿערשטענדיג! - איז עס וואָהר?...



דוד. ריינע וואַרהייט.

הדסה. אויב אַזוי, ווי וועט איהר עס מיר ערקלערען, וואָס די פּראַקטיק ווייזט אונז פּונקט פֿערקעהרט. וואָס דער ייד איז פֿרימער און היט די מצות פּינקטליכער, אַלץ מעהר לאַכען פֿון איהם די פֿעלקער און רופֿען איהם שוטה... איך בין געגאַנגען אויף דער לויה פֿון דעם פֿערשטאָרבענעם פּויזנער. עס זענען אויך מיטגעגאַנגען פֿיעל אינטעליגענטע קריסטען, וועלכע האָבען איהם כּבוד אָבגעגעבען. איך האָב מיך צוגעהערט צו אַ שמועס פֿון צוויי קריסטען, וועלכע זענען נעבען מיר געגאַנגען. איינער פֿון זיי, קענטיג אַן אויסלענדער, פֿרעגט דעם צווייטען: מיט וואָס האָט דאָס זוכה געווען דער פֿערשטאָרבענער ייד צו אַזאַ כּבוד, אַז אויך די פֿאָרנעהמסטע קריסטען געהען אויף זיין לויה? — האָט דער צווייטער דערצעהלט פּויזנערס ביאָגראַפֿיע; אַז ער שטאַמט פֿון אָרימע עלטערען, האָט ניט בעקומען קיין שול־בילדונג, און דאָך איז ער געווען אַ שוועניע, ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פֿעהיגקייט און טהעטיגקייט. מיט זיין שאַרפֿען טיעפֿען און קלוגען פֿערשטאַנד האָט ער פֿאָראויסגעזעהן מעהר ווי אַלע ערפֿאַהרענע סוחרים. ער אַליין, אָהן שטיצע, האָט אַזוי ווייט געבראַכט, דאָס ער איז געוואָרען דער ערשטער און גרעסטער פֿאַבריקאַנט אין דעם גאַנצען געגענד און האָט געפֿיהרט אַלץ אין אַ מוסטערהאַפֿטע אָרדנונג... אַלץ אָריגינעל... ביי קיינעם קיין ביישפּיעל ניט געזעהן... דער ערשטער קריסט איז ענטציקט געוואָרען און האָט געעפֿענט זיין מויל צו רעדען... איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זאָגען: יעצט זעה איך, אַז יידען זענען טאַקי אַ קלוגעס פֿאָלק... אָבער דערויף איז אָנגעפֿאַהרען אַ דראָזשקע מיט דעם אָמן־סיער רב, די זיץ־קישעלע איז געווען אַראָבגענומען צוליעב שעטנז, און דער רב איז געזעסען טיעף אין קעסטעל אַראָבגעלאָזען, די פֿיס פֿעריסען... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חיה? — האָט געפֿרעגט דער אויסלענדער. דאָס איז דער

הינגער ראַבינער, — האָט איהם דער צווייטער געענטפֿערט — אָבער אַ שוטה! — האָט ער אויסגעשריען און אַ שפּײַ געטהון. הײַנט פֿרעג איך אײַך; וואו איז די הַבְטָחָה פֿון דער תורה: „וְאָמרוּ רַק עַם חָכָם וְנָבוֹן״? (הדסה האָט אויסגעשטעלט אויף דוד'ן איהרע צוויי שוואַרצע שעֱנע אויגען).

דוד (מיט אַ פֿערגניגטען שמייכעל). די פֿראַגע האָט שוין לאַנג געפֿרעגט דער אַלטער בעריהמטער קאָמענטאַריסט רש״י, און ער האָט עס ערקלערט מיט די ווערטער: אויב איהר וועט גאָטעס ווערטער ניט פֿערגעסען, און איהר וועט זיי ערפֿילען נאָך זייער ריכטיגען זינען, וועט איהר גערעכענט ווערען פֿאַר חֲכָמִים ונבונים, אויב אָבער איהר וועט זיי פֿערדרעהען און פֿער־קרימען דורך שִׁכְחָה, וועט איהר גערעכענט ווערען פֿאַר שוטים״ אַלזאָ בלייבען די ווערטער פֿון דער הייליגער תורה ריכטיג...

הדסה. אַזוי זאָגט רש״י?! — און וואָס זאָגען דערויף די פֿאַנאַטיקער?

דוד. די פֿאַנאַטיקער פֿערדרעהען און פֿערקרימען רש״י'ס ווערטער אויך... נאָר שאַ, איך הער טריט...

הדסה. געוויס קומען אַהער דער פֿעטער מיט רבי שמואל'ן... לאָמיר געהן אין אַנ'אַנדער צימער, מען דאַרף זיי ניט שטערען. (געהען אָב).

(העשול מיט רבי שמואל'ן קומען אַרײַן, רעדענדיג צווישען זיך, זעצען זיך).

העשול. ווי נאָר איך האָב געהערט איהר פֿאָרשלאַג, בין איך טרויעריג געוואָרען; איך האָב געשפּירט, אַז עס מוז קומען אַנ'ענדערונג אין מײַן לעבען... מ'מוז איהר אַלץ ענטדעקען, אַראָבנעהמען די הילע פֿון דעם סוד... איך האָב עס, אָבער, ניט געוואַגט אַליין צו טהון, און איך האָב בעשלאָסען מיט אײַך, רבי, זיך מישב צו זײַן... איך בין, אָבער, לא עֲלֵיכֶם, זעהר שוואַך, און קען ניט פֿערטראָגען קיין נביעה. דערום בין איך געצוואונגען געווען אײַך מַטְרִיחַ צו זײַן אַהער... איך האָף, אַז איהר וועט אויף מיר ניט ברוגז זײַן...

רבי שמואל. געוויס מוז מען איהר ענטדעקען, אַז זי איז דײַן טאָכטער. דו זאָלסט עס ניט פֿערצעגערן, עס מעג זײַן, וואָס עס איז... איך האָב אַפֿריהער ניט מסכים געווען, דו זאָלסט דוד'ן



צו זיך נעהמען... מ'טאָר עס ניט אויך עַל פּי דין־תורה... נאָר געוועהנליך, פֿערשטעהסטו אַליין, אַז דו דאַרפֿסט עס איהר מודיע זײַן פֿאָרזיכטיג, ניט מיט אַ מאָל, נאָר לאַנגזאַם, ביסלעכווייז...

העשול. גראַדע יעצט שפּיר איך מיך צו שוואַך צו מאַכען די וויכטיגע ענטהילונג, וועלכע פֿאָדערט אַ קלאָרען קאָפּ און געדולד... ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, איך בין אַ שוואַכער מענש, מײַן לעבען הענגט אויף אַ האָר. (ער נעהמט אַרויס פֿון שאַף אַ שאַכטעלע מיט פּילולען). אָט די פּילולען האָט מיר געגעבען אַ בערלינער פּראָפֿעסאָר. איך נעהם יעדע נאַכט, פֿאַר'ן שלאָף, צוויי־דריי פּילולען, און דאָס האַלט מיר בײַ'ם לעבען... בכלל מיין איך, וועל איך זיך שוין ניט לאַנג מוטשען אויף דער וועלט... דערום מוז איך וואָס צו'ם גיכסטען אַלעס אין אָרדנונג ברענגען. קיין מענש ווייסט ניט וואָס מיט איהם וועט זײַן, בפרט אַזאַ צובראָכענער שאַרבען ווי איך... (שטעלט צוריק די שאַכטעלע אין שאַף).

רבי שמואל. נו, אויב עס איז דיר שווער הײַנטיגע נאַכט איהר עס מודיע צו זײַן, לעג עס אָב אויף מאָרגען, נאָר איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל: פֿערצעגער דאָס ניט! עס איז קיין קאַטאָוועס ניט אַזאַ זאַך!... איך מוז גלײַך אָבפֿאָהרען, איך בעדאַרף אַ דרינגענדען ענין בײַ מיר אין שטאָדט צו פֿעררעכטען. מאָרגען וועסטו עס הדסה'ן ענטדעקען! מיר זאָלסטו וועגען דעם גלײַך מודיע זײַן. אויב עס וועט נעטיג זײַן דוד'ן אָבצורופֿען פֿון דײַן הויז, זײַ מיר מודיע, וועל איך איהם אָברופֿען...

העשול. געוויס מאָרגען! איך פֿערשטעה עס אַליין, אַז מ'טאָר עס אַפֿילו אויף איין טאָג ניט אָבלעגען... נאָך מײַן מיינונג ליידעט נעבעך מײַן טאָכטער הדסה פֿון מײַן ברודער'ס זוהן זרח... ער, צווישען אונז זאָל עס בלײַבען, האָט אַ פֿערדאָרבענעם כאַראַקטער, ער דעקוטשעט איהר מיט זײַן נאָכגעהן נאָך איהר. ער מיינט, אַז קוים איז ער זעהר רײַך און זי איז אַנ'אָרעם, אויפֿגענומען קינד, וואָס געניסט מײַן גוטסקײַט בלויז פֿאַר רחמנות. ער מיינט, אַז ער איז מײַן יורש, און זי אַ פֿרעמדע וויכאָוואַנקע — אַלזאָ האָט ער דאָך פֿאָלקאָם רעכט אויף איהר... און זי האָט דערוויַיל פֿון דעם קרענקונג... דערום איז זי אַרויס מיט איהר פֿאָרשלאַג. נור מאָרגען וועט שוין אַלץ קלאָר ווערען... אַלע מיספֿערשטענדנישע וועלען פֿערשווינדען...

רבי שמואל (שטעהט אויף). גאָט זאָל געבען, דו זאָלסט מצליח זיין... זייַ פאָרזיכטיג... לאָמיך געהן אָבשייד נעהמען פון די קינדער. (געהן אָב).

(זרח עפענט לאַנגזאַם די טהיר, שטעקט אַריין דעם קאָפ, קוקט אַהין און אַהער, קומט אַריין אויף די שפיץ פינגער, האָרכט אויפמערקזאַם ביי יעדער טהיר, בלייבט שטעהן אין מיטען צימער פערטיעפט אין געדאַנקען).

זרח. אומעטום שטיל. קיין לעבעדיגער מענש איז ניטאָ אַרום און אַרום... יעצט איז די בעסטע צייַט, יעצט מוז עס געשעהן!... קיין מענש וועט דערפון ניט וויסען, אַ סוד וועט עס בלייבען, פערזיגעלט אין מיין האַרץ... אַהאָהן וועט ניט קרעהען...

נעהמט אַרויס פון קעשענע אַ שאַכטעלע מיט פילולען, ציהט אַרויס פון שאַף העשול'ס שאַכטעלע, נעהמט פון ביידע אַרונטער די דעקלעך, בעטראַכט זיי ביידע).

גלייַך איינע צו די אַנדערע, ווי צוויי טראָפען וואַסער... ניט צו דערקאָנען... דער אַפּטעקער איז אַ קינסטלע...

ער שטעלט אַוועק זיין שאַכטעלע אין שאַף, העשול'ס שאַכטעלע שטעקט ער אַריין אין קעשענע).

דער בייַט איז געמאַכט... זאָל עס דיר וואויל בעקומען פעטער! מאָרגען וועסטו דערהויכט ווערען. פליהען איבער די הימלען... הנאה האָבען פון דער שכינה... זייַן אַ גוטער בעטער פאַר אונז... און איך וועל דיר אָבדיענען מיט „קדיש" זאָגען... אין האַלבע נאַכט, פאַר'ן שלאָף, ווי זייַן געוואָהנהייַט איז, וועט ער איינעהמען צוויי=דריי פילולען... אַהאַ!... געוואַלדען... געפילדער... אַבראָך! אַ צרה!... ראַטעוועט... ראַטעוועט!... אַ רייַטער קומט אין שטאָדט... איך וועל אַהער קומען דער ערשטער... וואָס איז דאָ געשעהן!... די שאַכטעלעך וועל איך צוריק אומבייַטען, עס זאָלען קיין שפורען ניט בלייַבען... מ'וועט איהם בעקלאָגען און בעוויינען... דערצעהלען זייַנע צדקות, ביז מען וועט אויפהערען... דער שטורם וועט ווידער איינגעשטילט ווערען, און בעל=הבית איבער אַלץ וועל איך ווערען! און הערשער איבער זיין האָב און גוטס וועל איך ווערען... און צו וועמען וועט הדסה געהערען?... צו מיר! צו דעם רייַכען און שטאַרקען זרח!... דעם שלעפער דוד'ן וועל איך שוין ווי עס איז אַרויסנאַרען פון דאַנען. מייַן שמעריל וועט איהם אַריינרוימען אַ סוד, אַז דער אַלטער האָט אין בערלין



געלאָזען אַ צוואה, אין וועלכע ער פערזאָרגט הדסה'ן... זאָל דער שוטה פאָהרען זוכען צוואות, דערווייַל וועל איך מיר מיט הדס'ן דורכקומען, מיט גוטען, אָדער מיט בעזען... האָט זי דען אַנ'אַנדער ברירה?....

מ'זאָגט, מ'רעדט פון זאַקאָנעס, געזעצען, פּאַראַגראַפען, וועלכע פערבאָטען רציחה... זאָל איך ציטערען פאַר די פּאַראַגראַפען, וועלכע זענען פאַר מיר אַזוי גוט און גינציג?.., פאַר די פּאַראַגראַפען, וועלכע האָבען פון מיינעטוועגען אַוועקגענומען הייַזער און מאַיאָנטקעס פון די מענשען, וועלכע האָבען זיי ערוואָרבען מיט שווייס און בלוט?... פאַר די פּאַראַגראַפען, וועלכע זענען ווי סחורה ביי'ם סוחר אין קראָם פאַר אַ געוויסען „דערשזימאָרדאַ", און ווי אַ גאָלד=גרוב פאַר אַ געוויסען טשערני=מאָרדאַ?... פאַר די פּאַראַגראַפען, דורך וועלכע עס טריאומפירען אַלע חוליגאַנעס און טיראַנען?... קען איך דען ציטערן פאַר מייַנע בעסטע גוטע פרייַנד?!... ניין, דאָס איז בלויז געמאַכט „אַבו..." כדי אָבצושרעקען די שרעקעדיגע, אָבער, ניט איך וועל זיך לאָזען פון זיי פאַרנאַרען...

די גאָר פערנינפטיגע זאָגען, אַז דאָס איז אַ געגענזייַטיגער אָבמאַך, אום יעדער זאָל קאָנען רוהיג שלאָפען און ניט מורא האָבען פאַר דעם צווייטען... נו, וועט דען דורך מייַן יעצטיגען טהאַט געבראָכען ווערען דער אָבמאַך?... דער אָבמאַך בלייַבט אָבמאַך! און איך וועל קענען ווייַטער רוהיג שלאָפען, ביז איך וועל מיך אָנשטויסען אויף איינעם ווי איך, וועלכער וועט אויך איינפאַלען אויף מייַן שכל...

געוויסענסביסע, חרטה — אַ פוסטע פאַנטאַזיע!... אַ שרעקבילד פאַר שרעקעדיגע, אָבצושרעקען זקנים שוואַכע און קראַנקע פון הולטייַסטווע. צו מיר וועט עס ניט קומען! מיט איבערלעגונג טהו איך מייַן זאַך. אין מייַן גערעכטיגקייַט בין איך איבערצייַגט. די פרוכט פון מייַן טהאַט וועט מיר שטענדיג שמעקען...

און אין וואָס בעשטעהט דען מייַן טהאַט?...

אַז אומברענגען אַ לעבען איז גלייַך, ווי אַ ליכט אויסלעשען, האָט שוין לאַנג בעוויזען פראַנץ מאָהר, אַ ליכטיגען גן=עדן זאָל ער האָבען... און ביי מיר איז עס אויך ניט וויכטיגער ווי אַרויסלאָזען די גאַז פון אַ סאַפאָן... נאָר עס קלינגט מיר עפּעס אין ד,

אויערן: גאָט האָט ניט געהייסען! וואָס וועסטו טהון, ווען ער וועט זיך מיט דיר אָבּרעכענען?!... כ'לעבּען עס נעהמט גאָר אָן אַ פּחד!... דאַרף מען דאָך אָבּער פריהער וויסען אויבּ עס איז גאָר פאַרהאַן אַ גאָט?... אֱמֶת טאַקי, מ'זעהט בּעשיינפּערליך, אַז עס איז פאַרהאַן אַ גאָט פאַר דעם, וועלכער האַלט איהם אין אַרענדע, אין פּאַכט... ניט איין גאָט איז פאַרהאַן, נאָר יעדער אַרענדאַטאָר האָט אַנ'אַנדער גאָט, יעדער אַרענדאַטאָר עקספּלאָאַטירט זיין גאָט, וואַרפט אַ מוראָ אויף די שעפּסעלעך, זיי זאָלען זיך לאָזען שערען, די קיה זאָלען זיך לאָזען מעלקען, די אָקסען זאָלען ציהען דעם יאָך און זיך לאָזען שינדען... אָבּער פאַר גיטעלע די אַלמנה איז ניטאָ קיין גאָט!... גיטעלע די אַלמנה, וועלכע וואָהנט בּיי מיר אין קעלער מיט איהרע זיבּען יְתוֹמִים, אַחוץ איהר עלטערע טאָכטער, וועלכע האָט זיך אַליין איבּערגעקליבּען אויף יענער וועלט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט לייט זאָלען טייטלען מיט די פינגער אויף איהר „פּעקעל", וועלכען זי האָט געטראָגען דורך מיין חֶסֶד... גיטעלע די אַלמנה, וועלכע פאַלט מיר צו די פיס, וויינט און בּעט זיך בּיי מיר, איך זאָל איהר ניט אַרויסוואַרפען פון דירה צוליעבּ די פאָר רובּל דירה-געלד, וואָס עס קומט מיר... און איך, וויסענדיג, אַז עס האָדעוועט זיך נאָך בּיי איהר אַ צווייטע טאָכטער און אַ דריטע, וועלכע וועלען אויך געהן צו זייער עלטערע שוועסטער, ווען עס וועט קומען זייער צייט... בּין איך אַזוי בּאַרעמהערציג, און זאָג צו איהר: נו, וואָס זאָל איך טהון מיט אייך, גיטעלע? איך האָבּ אויף אייך בַּחֲמָנוּת... און, פונדעסטוועגען לאָזט זיך ניט אַראָבּ אַ דונער פון הימעל, מיר צו צושמעטערען מיט מיין הויז צוזאַמען... נו, איז שוין דאָ אַ גאָט פאַר גיטעלען?... פון אַלע גרויסע און מעכטיגע געטער איז פאַר גיטעלען קיין איין קלייניקער אויך ניטאָ...

און ווען איך זאָל שוין צו זיך צולאָזען דעם געדאַנקען, אַז אַחוץ די אַלע אין אַרענדע-גענומענע געטער, איז פאַרהאַן אַנ'אַלגעמיינער, גרויסער גאָט, וועלכער מְשַׁפֵּט די וועלט און איך וועל אַמאָל שטעהן פאַר זיין משפּט... נו, איז וואָס? געפונען אַ פּריץ, ווער עס זאָל זיך דערשרעקען, איך וועל עפענען מיין מויל און צו איהם זאָגען: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דו האָסט בּעשאַפען אַנ'אָקס מיט צושפּאָלטענע קלאָהען (קאַפּיטעס), דו האָסט בּעשאַפען אַנ'עזעל מיט גאַנצע קלאָהען, דו האָסט בּעשאַפען



צַדִיקִים, דו האָסט בּעשאַפען רְשָׁעִים — היינט וואָס פאַר אַ טענה האָסטו צו מיר?...

(לעגט די האַנד אויפ'ן האַרץ). זיי רוהיג מיין האַרץ! די גערעכטיגקייט איז מיט מיר. (לעגט אַפינגער אויפ'ן שטערען). איך דאַנק דיר קעפּעלע... צו דער רעכטער צייט האָסטו מיר געראַטען, מאָרגען וואָלט שוין געווען צו שפּעט. ער האָט רבּי שמואל'ן אַראָבּגעבּראַכט. מסתּמאָ שוין בּעשטעלט דעם נאַטאַריוס אַ צַוָאָה צו מאַכען... זיי רוהיג, פּעטער, אַלץ בּלייבּט ווי געווען... דער נאָטאַריוס וועט וואַרטען און וואַרטען און זיך ניט דערוואַרטען... (געהט אָבּ געשווינד. דער פאָרהאַנג פאַלט. אַ לאַנגע פּויזע).

(פון הינטערגרונד הערט זיך אַ געשריי, הילפס-רופען, אַ טומעל, געוויש פון דראָזשקעס, נאָכדעם שטיל).

---

## צווייטע סצענע.

אויף דער ערד ליעגט העשעל'ס טויטער קערפּער, בּעדעקט מיט אַ שוואַרצע דעקע; צוקאָפּענס בּרענען אַ סך ליכט, עטליכע בַּטלָנים זיצען און זאָגען תהילים, אַ דיענסט-יידענע פערהענגט דעם שפּיגעל, זייגער און פּאָרטרעטען מיט שוואַרצען טיול. אין צימער וויל זיך אַריינרייסען הדסה, מענשען האַלטען איהר אָבּ און לאָזען איהר ניט אַריין.

הדסה'ס שטים. האָבּ איך דען דורך מיין פּעטער'ס טויט פערלאָרען אויך דאָס רעכט איהם צו בּעוויינען?...

אַ שטים. ניין, מיין קינד, דו וועסט נאָך גענוג וויינען, יעצט אָבּער טאָר מען עס ניט (זי געהט צוריק).

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

(פון הינטערן פאָרהאַנג הערט זיך אַ געוויש פון אַ לְוָיָה, אַ שטים: „צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת"... אַ קינדער שטים: „צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו"..., דער כאָהר זינגט: „הַצוּר. תָּמִים פָּעֳלוֹ"; זרח זאָגט קדיש; הדסה וויינט היסטעריש. פּויזע. — דער פאָרהאַנג ווערט אויפגעהויבּען).

(הדסה אָנגעטהון אין טרויער, ווי אַוועקצוגען, שטעהט אין מיטען צימער, נעבּען איהר שטעהט איהר פריינדין שולמית).

שולמית. אַלזאָ איז עס בּיי דיר שוין פעסט בּעשלאָסען?...

הדסה. פֿעסט בעשלאָסען.

שולמית. צוזאַמען מיט דוד'ן?...

הדסה. יאָ, מײַן שוועסטער, צוזאַמען מיט דוד'ן. מיט אַ טיעפֿען שמערץ פֿערלאָז איך דעם אָרט אויף עביג.

שולמית. טיעף קרענקט עס מיר... איך פֿערליר אין דיר מײַן בעסטע פֿרײַנדין. נאָר דו ביזט געװעזען מײַן פֿרייד, פֿאַר דיר האָב איך מײַן האַרץ אויסגערעדט, זאָל גאָט געבען דו זאָלסט זײַן גליקליך! מיט דײַן וואַהל האָסטו געטראָפֿען; דוד איז אַ פּאָרטרעפֿליכער, אויסגעצייכענטער יונגער מאַן, אַ גליקליכע רײַזע, דענק אָן מיר, שרײַב אָפֿט! (גיעבען זיך די הענד, קושען זיך). לעב גליקליך!..

הדסה. זײַ אויך דו, מײַן שוועסטער, גליקליך, און געדענק אָן דער אָרעמע יתומה הדסה... (וויינט, שולמית געהט אָב).
..... די צײַט איז קורץ, (קוקט אויף די אוהר). נאָך איין שעה געהט שוין דער צוג אָב, דוד וועט באַלד קומען... אָ, ווי שווער איז עס מיר זיך אָבצושיידען פֿון דעם אָרט!... (וויינט). פֿון דעם אָרט, וואו איך האָב זיך ערצויגען, וואו איך האָב זיך געהאָדעוועט, ווי בײַ אַ צערטליכע מוטער, און איך בין אַזוי ווי אײַנגעוואַכסען אין איהם, איך האָב געמיינט, אַז עביג וועל איך דאָ בלײַבען, קיינמאָל וועל איך מיך ניט שיידען פֿון מײַן ליעבליכען נעסט... און פּלוצלונג איז געקומען אַן'אומגליק און פֿערשליידערט מיך און פֿעריאָגט מיך... וואוהין?... דאָס ווייסט נאָר איין גאָט!... (בעקוקט די ווירטשאַפֿט אין צימער). יעדער געגענשטאַנד, יעדע זאַך איז מיר דאָ אַזוי ווי צוגעקלעפּט צום האַרצען, אין דעם דאָזיגען צימער בין איך געזעסען רוהיג און גליקליך, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מײַן טײַערען פֿעטער...—„רוף מיך ניט פֿעטער, נאָר פֿאָטער זאָלסטו מיך רופֿען", — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט זײַן זאַנפֿטען פֿרײַנדליכען קול... יעצט פֿערלאָז איך דיך, מײַן טײַערעס צימער, קיינמאָל, קיינמאָל, וועל איך שוין ניט צוריקקומען אין דײַן שאָטען! רוה און פֿריעדען זאָל אין דיר זײַן, גאָט זאָל בענײַען דעם גײַסט פֿון דײַנע נײַע אײַנוואָהנער, און קײַן שלעכט וואָרט זאָלען דײַנע ווענד ניט הערען... (ווענדעט זיך צו איהר פּיאַנע). און דו, מײַן בעסטער פֿרײַנד, דורך דיר האָב איך שטענדיג אויסגעדריקט מײַנע פֿרייד און קומער, דו ביזט געוועזען דער וויעדערקלאַנג פֿון מײַן האַרץ, אָ, ווי מיר ווילט זיך יעצט פֿון דיר אָבשיידען מיט שפּיעלען!... אָבער שפּיעלען איז מיר פֿער=



באָטען, איך בין אין טרויער, איך טרויער נאָך דײַן הערר, וועלכער פֿלעגט זיצען נעבען מיר און מיט אויפֿמערקזאַמקײַט הערען דײַנע זיסע טענער... יעצט ליעגט דײַן הערר אונטער אַ בערגעל ערד, שאַרבען אויף זײַנע אויגען... טרויער דו אויך אויף איהם, ביז נײַע הערערען וועלען דײַנע טענער בעריהרען!... (בלײַבט שטעהן בײַ'ם פֿעטערס פּאָרטרעט). אַזאַ אַ שענעס, ליעבליכעס געזיכט זאָל ליגען אין דער ערד!... דײַן פֿרײַליכע, מונטערע הדסה שטעהט יעצט פֿאַר דיר, ווי אַן'אָרעמע, עלענדע יתומה און מוז זיך שיידען מיט דיר אויף עביג... דאָ וועל איך שוין מעהר ניט זײַן. אָבער דײַן געשטאַלט, פֿעטער וועט מיט מיר מיטגעהן אומעטום, וואו איך וועל זײַן... אָרעם, ווי אַ בעטלערין געה איך פֿון דאַנען אַוועק, דאָס מינדעסטע נעהם איך ניט מיט פֿון אַלעס, וואָס דו האָסט מיר אָנגעטרויט... נאָר וואָס דו האָסט פֿערפֿלאַנצט אין מײַן גײַסט, אײַנגעפּרעגט אין מײַן האַרץ— דאָס בלײַבט בײַ מיר... אַדיע, אַדיע, בלײַבט אין פֿריעדען, איהר אַלע זאַכען, מײַן אָבשייד פֿון אײַך איז מיר שווער, ווי דער אָבשייד פֿון דער נשמה מיט'ן קערפּער, אָבער וואָס זאָל איך טהון, עס איז אַ גזירה מן השמים... (וויינט). וועה איז מיר!... ווער קומט?...

(דוד לויפֿט שנעל אַרײַן אין צימער).

הדסה. דוד!... איז שוין צײַט זיך צושיידען מיט מײַנע קאָסטבאַרקײַטען? —

דוד. אַ נײַע ענטדעקונג! איך קאָן דיר מיטטײַלען...

הדסה. אַז דער טוידט פֿון מײַן פֿעטער איז בלויז אַ טרוים... אַז מײַן פֿעטער לעבט? (הילט איין דאָס געזיכט). נאָר אַזאַ ידיעה קאָן מיך דערפֿרעהען...

דוד. שמעריל, אונזער בעקאַנטער, האָט מיר ענטדעקט אַ געהיימניס, וואָס איז פֿאַר אונז זעהר וויכטיג...

הדסה. נאָכ'ן פֿעטערס טויט איז מיר שוין קיין זאַך ניט וויכטיג...

דוד. אָבער הער דאָך! די צײַט איז קורץ, און איך מוז באַלד פֿערדרייזען...

הדסה. דו מוזט באַלד פֿערדרײַזען... און וואו בלײַב איך? קען איך דען דאָ בלײַבען, וואו עס איז מיר פֿינסטער אין אַלע ווינקעלעך... און אונטערן שוטץ פֿון זרח'ן?...

דוד. אָבער הער דאָך, ליעבע הדסה, שמעריל האָט

מיר פֿערטרויט אַ סוד, אַז דיין פֿעטער האָט, בְּעֵת ער איז געוועזן אין בּערלין צוליעב זיין קראַנקהייט, דאָרט געשריבּען אַ צַוָאָה, אין וועלכע ער האָט דיך פֿערשריבּען אַ גרויסע סומע געלד מיט דעם דאָזיגען מאַיאָנטעק און האָט עס איבּערגעלאָזען בּיי זיינעם אַ בּעקאַנטען... אַלזאָ מוז איך פֿאָהרען קיין בּערלין און אָבּנעהמען די צַוָאָה... אויסער דעם וואָס דאַדורך וועט אונזער לאַגע פֿערבּעסערט ווערען, וועט אויך זרח איבּער אונז ניט שטאָלצירען, און וועט זיך שוין מעהר ניט פֿרעהען אויף אונזער מַפָּלָה...

הדסה. און וויפֿיעל דאַרף דויערען אַהין און צוריק די רייזע?...

דוד. ערשטענס מוז איך פֿאָהרען אין מיין געבּורטס=שטאָדט, בּית=לחם, אום צו נעהמען דאָרטען אַנ'אויסלענדישען פּאַס, און נאָכדעם קיין בּערלין. איך רעכען צוריקקומען אין צעהן טאָג אַרום. אֶמֶת, איך וויים, ווי שווער דיר ז. ו דאָ צו בּלייבּען אינאיינעם מיט'ן גוטען זרח, אָבּער די טעג וועלען פֿערבּייגעהן, און שטעל דיך פֿאָר וואָס איך וועל דיר בּרענגען, אַ צוואָה פֿון דיין פֿעטער, אין וועלכע ער וועט צו דיר רעדען ווי אַ פֿאָטער צו אַ קינד, זיינע לעצטע ווערטער. אָבּער די צייט איז קורץ... שטימסטו איין צו מיין רייזע?

הדסה. גאָט זאָל דיר שיצען, און זאָלסט אומגעזאַמט גליקליך צוריקקומען, (געזעגענען זיך, וויינען).

דוד. אויף וויעדערזעהן, מיין טייערע!

הדסה. אויף וויעדערזעהן אין גיכען! (דוד געהט אָב, הדסה, קוקט איהם נאָך). וועה איז מיר!... וואָס האָב איך געטהון? אָ, מיין האַרץ זאָגט מיר... (האָרכט זיך איין). איך הער טריט, ער קעהרט זיך אום צוריק. מעהר לאָז איך איהם ניט אָבּגעהן...

(זרח קוממ אַריין, פֿערבּייגט זיך העפֿלעך).

זרח. נאָך אַלץ געטרויערט!... האַלסט אין איין וויינען, דו פֿערדאַרבּסט דאָך דיינע שענע אויגען! עס איז אֱמֶת, דער פֿערלוסט איז גרויס, דער שאָדען איז אונערטרעגליך, אָבּער אַלץ בּיז אַ צייט... יעדע זאַך האָט זיין גרענעץ, מיט אונזער וויינען און קלאָגען וועלען מיר איהם ניט לעבּעדיג מאַכען, נאָר אונז וועט עס פֿערדאַרבּען, עס איז אויך נאָכן דין ניט רעכט צופֿיעל צו טרויערען.



הדסה. דער טרויער ווייסט קיין חשבּונות ניט... עס טרויערט זיך, די טרעהרען פֿליעסען...

זרח. זעהר שען פֿון דיין זייט, דערפֿאַר בּיזטו ווערט געלויבּט צו ווערען. דו פֿערשטעהסט, ווי צו שעצען דיין פֿעטער, וועלכער האָט מיט דיר אַזוי פֿיעל גוטס און גנאַדע געטהון, און דערום האָסטו בּיי מיר חֵן געפֿונען, און דו זאָלסט וויסען, אַז צווישען דאָס גאַנצע עֲשִׁירוּת, וואָס דער פֿעטער האָט מיר איבּערגעלאָזען, רעכען איך דיך, געעהרטע פֿריילין, פֿאַר דעם גרעסטען פֿערמעגען... דען איך וויים, ווי טייער און ליעב דו בּיזט איהם געוועזען...

הדסה. בּכן בּעטראַכסטו מיך אויך, ווי אַ יְרוּשָׁה, וועלכע דו יַרְשֶׁנ'סט פֿון פֿעטער?...

זרח. האָסט גוט פֿערשטאַנען... און איך וועל דיך נאָך פֿיעל מעהר שעצען און ליעבּען ווי דער פֿעטער, ווייל איך בּין דער ריכטיגער מבין אויף אַזאַ בּריליאַנט, ווי דו בּיסט... אַלע דיינע פֿערלאַנגען וועל איך דיר ערפֿילען... ווי אַ קעניגען וועל איך דיך אַכטען, נאָר בּעשענק מיר מיט דיין פֿריינדליכעס געזיכט...

הדסה. פֿערשפּאָר דיינע ווערטער. איך בּין בּיי מיין פֿעטער ניט פֿעררעכענט געוועזען ווי אַנ'אייגענטום, וואָס געהט איבּער צו זיין יורש. פֿריי בּין איך, איך געהער צו זיך זעלבּסט... און מעהר זאָלסטו דערפֿון קיין וואָרט רעדען!

זרח. אָבּער דאָס וועסטו דאָך ניט אָבּלייקענען, אַז דו האָסט געקאָסט דעם פֿעטער זעהר פֿיעל געלד. און ווען ניט דו, וואָלט יעצט געוועזען מיין יְרוּשָׁה פֿיעל גרעסער... בּיזטו דאָך מיר אַ בַּעַל=חוֹב!

הדסה. אַלזאָ, פֿערלאַנגסטו, איך זאָל דיר דעם חוב צאָלען מיט מיין נשמה?...

זרח. זיי ניט בּייז! איך וועל דיך פֿרעגען, זאָג מיר, האָסטו אַנ'אַנדערע בְּרֵרָה?...

הדסה. אַנ'אַנדער בּרירה?... יאָ, איך האָב: בּעטלען געהן!...

זרח. און ווייסטו דאָס אויך, אַז אַלץ וואָס דו זעהסט איז מיין, אויך דיין העמד, אֲפִילוּ די שיך אויף דיינע פֿיס...

הדסה. אַלץ, אַלץ איז דיינס! (טהוט אויס די אויערינגען, די פֿינגערלעך און שלײַדערט עס פֿאַר איהם). אָבּער נאַקעט וועל איך פֿאַר

דיר ניט בלייבען. איך וועל דיר אָבער אָבשיקען אויך דאָס העמד מיט די שיך.

זרח. שטאָלצקייט און עזות האָב איך אָבער פיינד. אויף וועמען שטיצסטו זיך, אויף דיין לעהרער, אויף דעם קבצן, דעם אָרעם־בחור, אויף דוד'ן?... זיי רוהיג, איך האָב שוין דאָס אויך פערזאָרגט, שוין געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אַז ער האָט מיר בעגנב'עט און אַנטלאָפען. אָבער מ'וועט איהם שוין פאַקען, זיין אָרט וועט זיין דאָרטען, דאָרטען אונטערן שלאָס...

הדסה (אויפבראַוזענד). אָ, דו ניעדערטרעכטיגער! רעד אַלץ, וואָס דיין שוואַרצע נשמה וויל, אָבער מיין געליעבטען זאָלסטו ניט וואַגען צו טאַדלען, געה אַרויס פון דאַנען, געמיינער יונג!... מאַרש, מאַרש פון דאַנען!...

זרח. (מיט צאָרען). הערען דיינע אויערען, וואָס דיין מויל רעדט?... (חאַפּט איהר אָן). דו ווייסט פאַר וועמען דו שטעהסט?...

הדסה (ריסט זיך אַרויס). אַסנע; דבורה! קומט אַהער, העלפט מיר!...

זרח. דו זעהסט, דו מערקסט? קיינער קומט ניט, שוין ניט מעהר זענען זיי דיינע דיענסטען, נאָר מיינע, מיינע דיענסטען! פונקט, ווי דו שטעהסט שוין יעצט אונטער מיין רשות... קיין מאַדאַם ביי מיר ווילסטו ניט זיין, וועסטו ביי מיר ווערען אַ דיענסט, און פוצען ביי מיר די שטיוועל. דו ווערסט בלאַס, דו ציטערסט... דאָס האָב איך ליעב, מיינע דיענסטען זאָלען פאַר מיר ציטערען... יעצט געפעלסטו מיר... (אומאַרעמט איהר דריקט איהר צום האַרצען, זי וויל זיך אַרויסרייסען און קען ניט, רופט נאָך הילף).

הדסה. בין איך דען אַזוי טיעף געפאַלען!... העלף מיר גאָט!...

זרח. ער איז טויב, און אויסער איהם האָסטו קיינעם, דו ביזט אין מיין מאַכט, און מיין תאוה ברענט ווי אַ פייער! (קושט איהר).

הדסה (קעמפט מיט פערצווייפלונג, רייסט אַרויס איהר רעכטע האַנד, גרייפט אַ מעטאַלענע פיגור, שלאָגט איהם שטאַרק איבערן קאָפּ „ער בלוטעט, לאָזט איהר אָב). דאָ האָסטו לעצט געלד! (זי שפּרינגט דורכ'ן פענסטער, פערשווינד).

דער פאָרהאַנג פאַלט.



# דער פאָרהאַנג אויף.

(זרח לויפט הין און הער, מיט אַ פערבונדען שטערן).

זרח. מיין האַרץ וואַרפט זיך צווישען ליעבע און נקמה! און אַז די ליעבע איז ווייט, איך קען איהר ניט דערלאַנגען, מוז איך וועניגסטען נקמה נעהמען! אָבער די נקמה זאָל זיין גרויס, די נקמה זאָל מיר זעטיגען, זאָל מיר בעפריעדיגען פאַר אַלע בעליידיגונגען. (ער ברעכט די שלעסער פון די שראַנקען). און דאָס זאָלען האָבען געטהון זיי ביידע: זי מיט איהר אָרעם־בחור. (שמעריל קומט האַסטיג אַריין). רבי שמעריל, נו וואָס ברענגט איהר פאַר אַ נייעס?

שמעריל. הדסה איז ביי מיר געוועזען, זי האָט מיר דערצעהלט אַלץ, וואָס עס איז צווישען אייך פאָרגעקומען. זי פאָהרט יעצט אָב נאָך לבנה. דאָרט וועט זי וואַרטען אויף דוד'ן. זי האָט מיר געבעטען, אַז ווען ער וועט צוריקקומען, זאָל איך איהם איבערגעבען איהר אַדרעס אין לבנה...

זרח. אַלזאָ, גוט. וואָס האָב איך יעצט צו טהון?...

שמעריל. יעצט זאָלסטו זיך סטאַרען מ'זאָל מאַכען אויף דוד'ן מיט הדסה'ן אַ פּראָטאָקאָל, אַז זיי האָבען אַרויסגע'גנבעט דיין פעטער'ס טייערע זאַכען, אויפגעבען, וואו זיי געפינען זיך, וועט מען זיי שוין ברענגען אַהער בכבוד גדול...

זרח. ניט קיין געראָטענע עצה. הדסה האָט דאָ פיעל בעקאַנטע און גוטע פריינד. אויך די היגע אַדמיניסטראַציע קען איהר, מ'וועט אויף איהר ניט גלויבען אַזאַ בלבול, און איך וועל בלייבען אַ נאַר...

שמעריל. נו וואָס מיינסטו צו טהון?...

זרח. איך מיין אַזוי, מ'זאָל טאַקי מאַכען אַ פּראָטאָקאָל אויף ביידען, און מ'וועט זיי זוכען. און דו, שמעריל, זאָלסט גלייך שרייבען צו הדסה'ן, אַז פאָליציי זוכט איהר, כדי זאָל זי וואָס גיכער בעקומען אַ פּאַס אויף אַ פרעמדען נאָמען און אַנטלויפען פון לבנה, בעהאַלטען זיך ערגעץ אין אַנ'אַנדער שטאָדט, ביז איהרע גוטע פריינד וועלען איהר בעפרייען פון דעם שקר־בלבול... דו פאַרשטעהסט, שמעריל, מיין עצה? איהר וועט דאָך מיאוס ווערען צו זיין נע ונד, און זי וועט חרטה האָבען, וואָס זי האָט פערוואָרפען דעם גליק, וועלכען איך האָב איהר פאָרגעלעגט. זי וועט מיר שוין צו די פיס פאַלען און בעטען מחילה.

שמעריל. זעהר גוט. דו זעה מ'זאָל וואָס גיכער, מאַכען די פּראָטאָקאָלען, און איך געה שוין שרייבען צו הדסה'ן. (שמעריל געהט אָב).

זרח. און וואָס וועט טאַקי טהון אַזאַ פערצערטעלטע פרייליין, ווי הדסה, אין אַזאַ קריטישע לאַגע? ווי לאַנג וועט זי אַרום וואָגלען, וואו אַ טאָג וואו אַ נאַכט, און ציטערען פאַר פּאָליציי? זי וועט זיך גיך איבערצייגען, אַז איהר שטיצע אויף דוד'ן איז אַ פאַלשע. נישקשה! זי וועט נאָך קומען צו מיר מיט געוויין און געבעט... (אַסנע קומט אַריין, אין האַנד האַלט זי אַ טעלעגראַמע).

אַסנע. אַטעלעגראַמע האָט מען געבראַכט. (דערלאַנגט איהם, געהט אָב).

זרח (קוקט אין דער טעלעגראַמע פערוואונדערט) פון וועמען, פון דוד'ן?... (ער לעזט איהר). „איך קאָן דיר מיטטיילען, הדסה, אַז דו ביזט אַ טאָכטער פון פערשטאָרבענעם העשול רקח" — וואָס פּלוידערט ער דאָ? — (פּויזע, לעזט ווייטער) „און איך בין זיין זוהן, מאָרגען קום איך מיט דאָקומענטען. דיין ברודער דוד רקח". — וואָס איז דאָס?... וואָס מיינט ער דערמיט?... איז ער משוגע אָדער חסר דעה!... (פּויזע, פערזונקען אין געדאַנקען. ווערט בלאַס ווי קאַלך, די פּיס וואַנקען, ציטערט). וואָס, איז דען אויפגעשטאַנען דער שאָטען פון מיר צו לאַכען... ניין, דאָס וועט ניט זיין!... ניט מיר, ניט דיר!... (פּאַטשט זיך אויפ'ן שטערען). קאָפּ גיב שכל, גיב אַן עצה!... (פערטראַכט זיך). אין האַלבען וועג בלייב איך ניט שטעהן... (נעהמט פון קעשענע אַרויס די שאַכטאַלע מיט פּילולען). גיפט רופט מען דיך... ניין, פאַר מיר ביזטו אַ הילף, אַ רעטונג!... מאָרגען קומט ער... איך וועל איהם עמפּפאַנגען פריינדליך מיט אַ שמחה... און דו... און דו וועסט איהם פערשיקען אויף יענער וועלט!... געהט אָב געשווינד).

(דער פאָרהאַנג פאַלט).



# פיערטער אַקט.

אַ מיטעלעס צימער. אין מיטען אַ טיש; ביי די ווייטען דריי קליינע טישלעך; צוואָרפען זיצען פינף פריילײן'ס אַלע אין גלייכע קאָסטיומען; אַלע אַרבייטען. טייל נעהען, שטריקען און האַפטען. געגען דער סצענע — אַ פערמאַכטע טהיר, בעצייכענט מיט אַ נומער 15. לינקס — אַ טהיר, וועלכע פיהרט אין קאָרידאָר. פון הינטערגרונד הערט זיך אַ געזאַנג פון זמירות ביי אַ מלוה-מלכה.

דער אָרט: די שטאָדט באר-שבע, דאָס הויז: אַן עפענטליכעס.

פריילײן נומער 3. אונזער פעטער, דער צדיק, פּראַוועט אַ מלוה-מלכה, ער בעגלייט זיין נשמה יתירה, זיין שבת'דיגע נשמה. און איך בין מסופק, אויב ער האָט גאָר אַ וואָכענדיגע נשמה...

נומער 5. און איך מיין, אַז ער האָט שוין לאַנג פערזונקען זיין נשמה מיט אונזערע נשמות אין גיהינום... עס איז אונז בלויז איבערגעבליבען אונזערע קערפּער, פאַר וועלכע איך וואָלט ניט געגעבען אַ שאָלעכץ פון אַ ציבעלע... עס וועט לאַנג ניט דויערען, און אונזערע קערפּער וועלען צופאַלען ווערען אין שטיקער. האָט איהר געזעהן בלומעלין, נומער 2?...

נומער 4. ניין, זי איז דען שוין אַרויס פון שפּיטאָל?... מ'האָט דאָך געזאָגט, אַז זי וועט בקרוב זיין אַ גוטע בעטערקע...

נומער 5. דאָס וועט זי ערשט זיין, ווען זי וועט פון הונגער שטאַרבען. איך מיין, אַז דער הונגער וועט איהר פריהער פערחאַפּען, ווי אונזער גאָט וועניערי...

נומער 4. און וואו האָסטו איהר געזעהן?...

נומער 5. דאָ אין אונזער לוסט-הויז. תכף פון שפּיטאָל איז זי אַהער געקומען. צוויי חדשים האָט זי דאָרט פערבראַכט אין תענוגים, בייטאָג אונטער'ן חירורגישען מעסער, און ביינאַכט אין יאָדעפאָרב-פּלאַסטער... כ'לעבען, פּשוט אַ גן-עדן... אַ האַלבע נאָז

אַ האַלבע מאָרדע פֿון דער רעכטער זײַט, זענען שוין געקומען צו דער קבורה... די רעכטע באַק געהערט נאָך אַפֿילו צו איהר, אָבער זי איז געלעכערט, ווי אַ זיפּ, און וואָס אונטערען העמד טהוט זיך, — ווייסט נאָר זי אַליין... קוקסטו אויף איהר פֿון דער לינקער זײַט, דוכט זיך די זעלבע בלומעלע... בשעת דו וועסט אָבער קוקען פֿון דער רעכטער זײַט, וועט דיר ניט גוט ווערען, און דו וועסט אויסברעכען דער מאַמעס מילך...

אַלע פֿרײַלײַנס. און וואו איז זי יעצט?...

נומער 5. זי איז דאָ אַרײַנגעקומען מיט אַגאַנצע שׂמחה, געזאָגט אַהויכען „גוט שבת" און אויסגעשריען מיט איהר קלינגענדיגע שטימע: געלויבט איז גאָט, מוהמענקע, איך בין שוין פּטור געוואָרען פֿון שפּיטאָל... אָבער די מוהמע האָט איהר פֿרעמד אָנגעקוקט און געזאָגט: זעהט נאָר איהר חוצפה! אַנײַע מחותנתטע מיט מיר! אַרויס פֿון דאַנען, דו מיאוסקײַט, עס עקעלט אויף דיר צו קוקען!...

„שטײַטש, איהר קענט שוין מיר גאָרניט, מוהמעשו"?... — האָט בלומעלע געזאָגט האַלב מיט געבעט און האַלב ברוגז, — „איך בין דאָך בלומעלע נומער 2, וועלכע איז אָנגעקומען צו אײַך, בשעת זי איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר... פֿיער יאָהר געדינט אײַך עהרליך, פֿון אײַערטוועגען געגנאַגען אין פֿײַער און אין וואַסער, געווען בײַ אײַך אַגאַנצע „יאַ-טעביע-דאַם", די אויבערשטע פֿון חרײַן... און אַצונד, אַז מ'האָט מיר אַראָבגעשניטען די ווילד-פֿלײש, וועלכע איז מיר געקומען פֿון דער שענער מלאָכה, קענט איהר מיר שוין ניט!...

„געה, געה — האָט אונזער פּאַני-מאַטקע געזאָגט, שטופּענדיג איהר צו'ם טהיר, — בײַ מיר איז פֿאַר דיר קײַן אָרט נישטאָ... געה דײַנע נעהנטערע צו חלום"...

אומזיסט האָט זי פֿאַר איהר געוויינט, איהר די הענד געקושט און זיך געבעטען, זי זאָל איהר חאָטש געבען עפּעס עסען, בערקע און שמערקע האָבען איהר גענומען און אַראָבגעוואָרפֿען פֿון אַלע טרעפּ... די האַרץ האָט מיר געפּלאַצט דאָס צוצוזעהן...

נומער 8.. זי איז פֿאַר אונז אַ שפּיגעל... שוועסטערלעך, קוקט זיך אײַן אין איהר, וועט איהר זעהן אײַער סוף!...



נומער 5. שענע האָפֿנונג, כ'לעבען... מיר שײַנט, אַז די נומער 11 האָט שוין אויך די „טונקעלע פֿלעקען"...

נומער 3. און רויט-ראָזע פּינטעלעך ווילסטו ניט?... נאָר מיר איז אַ חידוש, וואָס דער דאָקטאָר פּסל'ט איהר שוין ניט... ער מאַכט דאָך אַזוי אָפֿט רעוויזיעס...

נומער 4. ער פּסל'ט נאָר די, וועלכע טויג שוין ניט פֿאַר אונזער מוהמעשו... די רעוויזיעס מאַכט ער נאָר לפּנים, ער קריגט דאָך דערפֿאַר בעצאָהלט...

נומער 6. פֿון די נײַע נומער 15 איז דער דאָקטאָר אַרויס מיט אַ צובלוטיגטע נאָז. זי האָט זיך ניט געלאָזען רעווידירען. און, אַז ער איז צו דער בדיקה צוגעטראָטען מיט געוואַלד, האָט ער פֿון איהר געקראָגען אַזאַ חלק, אַז ער וועט די נאָז מוזען אַ פּאָר טעג פֿערוויקלען...

נומער 4. זײַט איהר ניט מקנא, ער וועט שוין צו איהר קומען מיט סטראַזשניקעס. זי איז אַ נאַר, וואָס וועט איהר עס העלפֿען? זי מעג זײַן ריין, ווי די לבנה אין האַלב חדש. וועט זי פֿון דאַנען אַגאַנצע ניט אַרויס, אונזער פֿעטער ווייסט, וואָס ער האָט צו טהון. דו גלויבסט, אַז זי איז באמת אַ ריינע?...

נומער 6. ווי דער ריינער הימעל! זי זיצט שטענדיג פֿערשלאָסען, די טהיר פֿערבאַריקאַדירט, נעהמט ניט אָן קײַן עסען, קײַנער ווייסט ניט פֿון וואָס זי לעבט, זאָגט שטענדיג „תהילים" מיט אַ געוויין... כ'לעבען, איך האָב אויף איהר רחמנות.

נומער 8. און בײַ דיר אין האַרצען איז נאָך דאָ אַ ווינקעלע, וואו עס ליעגט רחמנות?!... אויב אויף דער וועלט איז יאָ פֿאַראַן רחמנות, איז עס נאָר בײַ בערען, לײַבען, טיגערען און שלאַנגען, יעדענפֿאַלס, אָבער, ניט בײַם מענשען... מיר זעהען פֿאַר זיך טאָג טעגליך מענשען, וועלכע ווערען אומעטום געאַכטעט, און קומענדיג צו אונז אין הויז, גיסען זיי אויס פּאָדלע תאוות, פֿאַלען אַרויף אויף אונז ווי ווילדע חיות, רײַסען שטיקערווייז פֿון אונזער פֿלייש און פֿון אונזער נשמה, אַזוי ווי מיר וואָלטען געווען קערפּער אָהן אַ ווילען און אָהן מענשען-רעכט, בלויז מאַשינעס צו בעפֿרידיגען זייערע תאוות, און זיי פֿערלאַנגען נאָך פֿון אונז לעבען, געפֿיהל און מוטה... מיר זעהען פֿאַר זיך דעם פֿעטער מיט דער מוהמע, וועלכע עסען אונזער פֿלייש און טרינקען